STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05653

AYNSHTAYN

Albert Einstein

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Harriet Ross in memory of
Harold Ross and their parents,
Minnie Rogowsky and Anna & Morris Krasner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



איינשטיין

דער מענטש • דער גאון

עטלעכע פאַקטן פון איינשטיינס ביאָגראַפיע

אַלבערט איינשטיין איז געבוירן געוואָרן אין אולם, דייטשלאַנד, דעם 14טן מערץ, 1879. האָט שטודירט אין צירך (שווייץ), וואו ער האָט, אין 1909, אין דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט, געקראָגן דעם טיטול פּראָפעסאָר. דאָס איז געווען פיר יאָר נאָכדעם ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט (1905), — אַ טעאָריע וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן בשעת אַ ליקוי־חמה (זון־פאַרטונקלונג) אין 1919. איינשטיין איז מיטאַמאָל געוואָרן וועלט־באַרימט, איז אַריינגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד אין וויסנ־שאַפט־אַקאַדעמיעס פון פיל לענדער, האָט געקראָגן דעם נאָבעל־פּריז אין 1921.

צו יענער צייט איז זיין היים געווען אין בערלין, וואו ער האָט געוואוינט ביז באַלד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, אין 1933, ווען ער האָט אויס־געוואַנדערט קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער זיך באַזעצט אין פּרינסטאָן, ניו־דזשורזי, וואו ער איז געווען פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק און טעאָרע־טישער פיזיק אין דער דאָרטיקער אוניווערזיטעט און דער עיקר אַ פאָרשער ביים דאָרטיקן אינסטיטוט פאַר פאָרגעשריטענער פאָרשונג. ער איז געווען דער ערן־פאָרזיצער פון דעם אינסטיטוט.

פון זיין היים אין פּרינסטאָן פלעגט איינשטיין כסדר לאָזן הערן זיין שטים, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאַמף פאַר שלום, קעגן מעקאַרטיזם און דער רעאַקציע בכלל; ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאַמף קעגן אַנטי־נעגערשן ראַסיזם, וועגן אַנטיסעמיטיזם, וועגן פאַרזיכערן מדינת ישראל.

דעם 14טן מערץ, 1955, האָט ער געפייערט זיין 76טן געבורטסטאָג. דעם 15טן אַפּריל איז ער צוגענומען געוואָרן אין שפּיטאָל, אין פּרינסטאָן, וואו ער איז דעם 18טן געשטאָרבן.

* * *

אויף די מייסטע אויסצוגן דאָ אין דעם ביכל ווערט אָנגעגעבן ווען די ווערטער זיינען פון אים געשריבן, אָדער געזאָגט געוואָרן. די אויס־צוגן, אויף וועלכע עס ווערט נאָר אָנגעגעבן דאָס יאָר, זיינען גענומען פון איינשטיינס ביכער: „אַאוט אָוו מאַי לעיטער יירס״ (פון מיינע לעצטע יאָרן), אַרויסגעגעבן פון דער „פילאָסאָפיקאַל לייברערי״, ניו־יאָרק, אין 1950, אָדער „אַיידיעס ענד אָפּיניאָנס״ (געדאַנקען און מיינונגען), אַרויסגעגעבן פון „קראַון פּאָבלישערס״, ניו־יאָרק, אין 1954.

אײנשטײן

דער מענטש, דער איד

אויסצוגן פון זײַנע
אַרטיקלען, רעדעס און דערקלערונגען

אַרויסגעגעבן פון
אידישן פאַרלאַג און פאָרשונג־קאָמיטעט

1955 • ניו יאָרק

Publishers

JEWISH PUBLICATION AND RESEARCH COMMITTEE
1133 Broadway, New York 10, N. Y.

1955

209

אַרײַנפיר

דעם 18טן אַפּריל, 1955, האָט די מענטשהייט, האָט דאָס אידישע פאָלק געהאַט אַ שווערן פאַרלוסט: עס איז געשטאָרבן אַלבערט איינשטיין.

איינשטיין איז געווען איינער פון די וויסנשאַפט־גאונים פון אַלע צייטן. דערמיט אַליין איז זיין אוועקגיין געווען פאַר דער וועלט אַ פאַרלוסט, וואָס לאָזט זיך גאָרניט אָפּשאַצן. אָבער כאָטש ער האָט זיך כסדר געפונען אין די הויכע פאָרש־געביטן פון פיזיק, פון זיין „טעאָריע פון גראַוויטאַציעס, באַזירט אויפן פרינציפּ פון רעלאַטיוויטעט", ווי ער אַליין האָט פאָרמולירט זיין וויסנ־שאַפטלעכע דערגרייכונג (זע דאָ אין דעם ביכל די „ענטפערס אויף 32 פראַגן"), האָט ער אָבער כסדר געזען דעם מענטשן און איז כסדר געווען פול מיט זאָרג איבערן גורל פון דער מענטשהייט. ער האָט די זאָרג קלאָר און אָפן אויסגעדריקט. דורך אים האָט זייער אָפט גערעדט דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט. ער האָט געקעמפט פאַר זיינע עטישע און הומאַנע פרינציפּן און איינשטעלונגען, געקעמפט קעגן מלחמה און רעאַקציע, פאַר די רעכט פון אידישן פאָלק און אַלע פעלקער, געקעמפט אויפן באָדן פון פאָלקס־איי־ניקייט. ער איז, אין משך פון דער מלחמה קעגן היטלערן און נאָך דער מלחמה געווען דער סימבאָל פון אַזאַ פאַראייניקטן קאַמף, פון אידן פון אַל־ערליי ריכטונגען.

אָט דערפאַר איז דער וויטאָג איבער איינשטיינס אַוועקגיין — אַ ווײי־טאָג פון יעדן פאָלקס־מענטשן, אַ וויטאָג פון פאָלק!

עס זיינען געווען „ווייניק שטימען דאָ אין לאַנד", וואָס האָבן געקאָנט רעדן „מיט דער קלאָרקייט און קראַפט" וועגן די ציווילע רעכט פון פאָלק, ווי איינשטיין האָט געקאָנט. אַזוי האָט דערקלערט אויף אַן איינשטיין־מע־מאָריעל־מיטינג אין ניו־יאָרק, דעם 15טן מאַי, 1955, איינער פון די מיטגלי־דער פון דעם העכסטן געריכט (סופרים קאורט) אין וואַשינגטאָן, ריכטער היוגאָ ל. בלעק. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק. אָבער עס זיינען געווען צייטן ווען עס האָבן זיך בכלל געלאָזט הערן זייער ווייניק שטימען קעגן דער רעאַקציע. אָט אין אַזעלכע צייטן האָט באַזונדער קלאָר און קרעפטיק, מ׳קאָן זאָגן — נביאיש, געקלונגען די שטימע פון דעם „חכם פון פרינסטאָן", פון דעם פרייהייט־קעמפער פון פרינסטאָן, און אָפּגעקלונגען איבער גאַנץ אַמע־ריקע און דער גאַנצער וועלט, און געשטאַרקט און געמוטיקט.

ער האָט גערעדט שאַרף און בייז, מיטן צאָרן פונעם נביא — ווי אינעם בריוול צום לערער וויליאַם פראַוענגלעס (זע אָפּטייל: „פאַר דעמאָקראַטיע און ציווילע רעכט"). און ער האָט גערעדט מיט אַ משל, מיט קלוגע אַנצו־הערענישן, ווי אין זיין קלאַסיש בריוול, אין וועלכן ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט אויף דאָס ניי געדאַרפט אויסקלייבן אַ באַשעפטיקונג, וואָלט ער בעסער אויסגעקליבן צו זיין אַ רערן־ציער (פלאָמבער). דאָ איז געווען

די פשטות פון גרויסקייט, די פאָלקישקייט פון איינעם וואָס האָט געטראַכט וועגן פאָלק און געוואָלט, אַז יעדערער זאָל באַגרייפן, וואָס ער זאָגט.

כדי די ברייטע מאַסן זאָלן קאָנען אַזעלכע דאָקומענטן האָבן פאַר די אויגן, ווערן זיי געבראַכט דאָ אין דעם ביכל. עס ווערן געבראַכט איינשטיינס אַרטיקלען, רעדעס און דערקלערונגען — מיינסטנס אויסצוגן פון אַרטיקלען, רעדעס און דערקלערונגען. זיי זיינען געשריבן אָדער געמאַכט געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן. געוויסע אויספירן זיינע לאָזן זיך דיסקוסירן, — ווי, למשל, דער אויספיר וועגן אַ „וועלט־רעגירונג“. דער עיקר אָבער איז איינער: פון אַלע אַרטיקלען, רעדעס און דערקלערונגען דרינגט אַרויס און קריצט זיך איין דאָס געשטאַלט פון אַ גרויסן הומאַניסט, פון אַן אויסגעהאַלטענעם קעמפער פאַר שלום און פעלקער־פריינטשאַפט, פאַר דעמאָקראַטיע און ציווילע רעכט, פאַר פרייהייט פאַרן אידישן פאָלק און אַלע פעלקער. דאָס דאָזיקע הערלעכע בילד פון אַלבערט איינשטיינען זוכן מיר צו האַלטן פאַר די אויגן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, מיט דער הילף פון איינשטיינס אייגענע ווערטער, וואָס מיר ברענגען דאָ.

זיינע ווערטער וועגן דער נעגער־פראַגע אין אַמעריקע און וועגן די אַראַבער אין פאַלעסטינע שטרייכן אונטער די דאָזיקע פעלקער־פריינשאַפט אויף אַ באַזונדערן שטייגער. ווי אַן אמתער מענטשן־פריינט און קעמפער קעגן ראַסיזם, ווי אַן אמתער אַמעריקאַנער, האָט ער ניט געקאָנט צוקוקן זיך גלייכגילטיק צו דעם, ווי די נעגער־מאַסן אין אַמעריקע ווערן דיסקרימינירט. ער האָט זיך געפילט מיטשולדיק אין דעם פאַרברעכן, ווי ער האָט געזאָגט. דאָס האָט אים באַוועגט צו נעמען אַ וואָרט אין דער פראַגע. ער האָט געמוזט! די אינטערעסן פון די ווייס־הויטיקע גופא האָבן אים באַוועגט אַרויסצוטרעטן קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף נעגערס.

אויך זיין אַרויסטרעטונג פאַר אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער, קעגן אַ „שטאַרקער האַנט“ בנוגע זיי, האָט געשטאַמט סיי פון זיין פריינטשאַפט צו פעלקער בכלל און סיי ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַזוי פאָדערן אויך די אינטערעסן פון די אידן אין ישראל. איינשטיין איז געווען אַ קעמפער פאַר מדינת ישראל. אין געוויסע צייטן, ספּעציעל פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה, איז ער אַרויסגעטראָטן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. נאָך דער מלחמה איז ער אַרויסגעטראָטן פאַר הילף לטובת מדינת ישראל. דערביי האָט ער ניט פאַרפעלט צו רעדן וועגן „פאַרשטענדיקונג און זעלבסט־באַהערשונג“ און קעגן „געוואַלט־אַקטן“ (זע דאָ אין ביכל: „אידן, אַראַבער און ענגלאַנד“). און ניט סתם פריינטשאַפט מיט די אַראַבער האָט ער געוואָלט, נאָר אפילו שותפותדיקייט. ער איז געווען דערפאַר, אַז פאַלעסטינע זאָל זיין אַ שותפותדיקע, צוויי־נאַציאָנאַלע אידיש־אַראַבישע מלוכה. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער „צעטייל און הערש“־פּאָליטיק פונעם ענגלישן אימפעריאַליזם אין פאַלעסטינע (זע דאָרט) און איז געווען קעגן אימפעריאַליזם און קאָלאָניאַליזם בכלל.

אין זיין עסיי „וויסנשאַפט און די געזעלשאַפט“, וועלכע מיר ברענגען, רעדט ער וועגן דעם, וואָס דיווירטשאַפט איז נישט געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזירט. ער זאָרגט זיך וועגן דעם, וואָס די מאַכט ווערט קאָנצענ־

טרירט אין די הענט פון די הייפעלעך, וואָס באַזיצן די מיטלען פון פּראָדוק־ציע. ער זאָרגט זיך (אין 1935) וועגן דעם, וואָס די טעכניק שטופּט אַרויס דעם אַרבעטער, שאַפט אַרבעטלאָזיקייט. ער האָט דעמאָלט געזען די „אויטאָמאַציע״־פּראָבלעם, וועגן וועלכער עס ווערט גערעדט היינט.

אין דעם זעלביקן אַרטיקל דריקט ער אויס זאָרג איבערן גורל פון דער וועלט בכלל. ער האָט דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט אַנטלאָפן פון היטלער־דייטשלאַנד. אין איטאַליע האָט געהערשט מוסאָליני. איינשטיין האָט אויסגעדריקט זאָרג איבער דעם, וואָס די דאָזיקע דיקטאַטאָרן, די מלחמה־לייט, קאָנען טאָן מיט דער וויסנשאַפט. מלחמה איז געווען זיין גרעסטע זאָרג!

די טיפע זאָרג זיינע וועגן מלחמה האָט אַלבערט איינשטיין כסדר אויסגעדריקט דורך קאַמף. דאָס דאַרף מען אונטערשטרייכן. ער האָט געקעמפט קעגן גרויסע מיליטערישע בודזשעטן. ווי דאָס איז צו זען פון זיינע אַרטיקלען און דערקלערונגען. ער האָט געקעמפט קעגן דער שטעלונג, אַז עס איז פאַראַן אַ „געפאַר פון דרויסן״ (זע זיין רעדע: „וועגן מיליטאַריזאַציע״). ער האָט מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן די איינשטעלונג פון די וואָס „באַמבלען פאַר די אויגן פון פאָלק״ — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין בריוול צום לערער פּראָוענגלעס — די דאָזיקע „געפאַר פון דרויסן״, — און וואָס אין נאָמען דערפון זוכן זיי צוצונעמען ביים פאָלק זיינע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט.

איינשטיין האָט געקעמפט פאַר פרידלעכער קאָאָפּעראַציע און קאָ־עקזיסטענץ. זיינע סאַמע לעצטע ווערטער זיינען געווען קעגן מלחמה. ער האָט ניט אויפגעהערט וואָרענען וועגן דעם חורבן, וואָס די אַטאָם־און הידראָגען־באָמבעס קאָנען אָנמאַכן און האָט אַליין, צוליב זיין ראָל אינעם דערפינדן די אַטאָם־באָמבע, געפילט דעם גרויל פון דער אויסשלאַכטונג אין הירא־שימא (זע „ענטפערס אויף 32 פראַגן״) און האָט אפילו באַדויערט, אין זיינע לעצטע טעג, פאַרוואָס ער האָט די ראָל געשפילט (זע זיינע ווערטער צום וויסנשאַפטלער דר. לינוס ג. פּאָלינג).

איינשטיין האָט אויף אַזאַ אופן איבערגעלאָזט אַן אָנזאָג, אַ געבאָט: קעמפן קעגן מלחמה, פאַר פעלקער־פריינטשאַפט, פאַר דעמאָקראַטיע און ציווילע רעכט. דאָס איז אַ קאַמף פאַר אַ גערעכטער אַמעריקע. דאָס איז אַ קאַמף פאַר מדינת ישראל. דאָס איז אַ קאַמף פאַרן וואוילזיין פון פאָלק.

אידישער פאַרלאַג און פאָרשונג קאָמיטעט

ניו יאָרק, יוני 1955.

איינשטיין דער מענטש

זעלבסט-פּאָרטרעט

וועגן דעם וואָס איז וויכטיק אין דער אייגענער עקזיסטענץ, ווייס קוים דער מענטש; זיכער דאַרף עס ניט אָנגיין אַן אַנדערן, אַ זייטיקן מענטשן. וואָס ווייס אַ פיש וועגן דעם וואַסער, אין וועלכן ער שווימט אַרום זיין גאַנץ לעבן?

דאָס ביטערע און דאָס זיסע קומט פון דרויסן; דאָס האַרטע און דאָס שווערע — פון אינווייניק, פון די אייגענע אָנשטרענגונגען און פאַרמעסטן. מייסטנס טו איך דאָס, וואָס מיין אייגענע נאַטור טרייבט מיך צו טאָן. די ליבשאַפט און אַכטונג, וואָס מען וויזט מיר אַרויס פאַר דעם, ברענגען מיך אין אַ פאַרלעגנהייט. פיילן פון האַס האָט מען אויך געשליידערט אויף מיר, אָבער זיי האָבן מיך קיינמאָל ניט געטראָפן, ווייל זיי זיינען געקומען פון אַן אַנדער וועלט, מיט וועלכער איך האָב קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט.

איך לעב אין יענער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס איז פּיינלעך אין די יונגע יאָרן, אָבער מחיהדיק אין די יאָרן פון רייפער עלטער.

ענטפערס אויף 32 פראַגן

(די פאָלגנדיקע פראַגן, אויף וועלכע איינשטיין האָט געענטפערט, זיינען אים געשטעלט געוואָרן דורך בעלא קאָרניצער, פאַרעפנטלעכט אין „גאַזעט ענד דעילי“, יאָרק, פענסילוועניע, דעם 20טן סעפּטעמבער, 1948)

פראַגע 1: איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז אין אייער קינדהייט האָט אייך אייער פאָטער געגעבן אַ קאָמפּאַס. ווי דער ביאָגראַף גיט איבער, האָט איר עס באַטראַכט ניט ווי אַ שפּילצייג, נאָר ווי אַ וואונדער. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס האָט דערוועקט אין אייך דעם ערשטן אינטערעס אין די געהיימנישן פון דער נאַטור. איז פאַראַן וועלכע עס איז באַשטעטיקונג פאַר דער השערה?

ענטפער: די מעשה מיטן קאָמפּאַס איז אַן אמתע.

פראַגע 2: זייט איר געווען אַ וואונדער־קינד?

ענטפער: ניין, איך האָב זיך גייסטיק אַנטוויקלט פּאַמעלעך.

פראַגע 3: האָט איר אין אייער קינדהייט זיך פאַרנומען מיט די געוויינלעכע קינדערשע שטיפערייען? זייט איר געווען אַ טומלדיק, אַגרעסיוו קינד, אָדער שטיל און באַשיידן? וואָס איז געווען אייער גרעסטע דערפאַרונג אין אייער פריער קינדהייט און איז אייער קינדהייט געווען אַ גליקלעכע?

ענטפער: איך בין געווען איינזאַם און אַ טרוימער. איך האָב זיך ניט גרינג צוגעקליבן חברים.

פראַגע 4: איז אמת די געשיכטע, אַז ווען איר זייט געווען אין דער

על־עמענטאַר־שול, האָט אייער לערער געוויזן דעם קלאַס אַ טשוואַק און גע־זאָגט: „דאָס איז איינער פון די טשוועקעס, מיט וועלכע יעזוס איז געקרייציקט געוואָרן״?

ענטפער: אַן אמתע געשיכטע.

פראַגע 5: האָט אייער פאָטער געהאַט אַן אינטערעס, אָדער פאַר־שטענדיקונג אין פיזיק, אָדער עס איז געווען אימיצער אין דער איינשטיין־פאַמיליע, וואָס האָט זיך אין פיזיק אויסגעצייכנט?

ענטפער: ניין. אַ באַשיידענע סביבה, אָן מעגלעכקייטן פאַר אַנטוויקלונג.

פראַגע 6: פּרובירט געבן מיר אַ בילד פון אייער פאָטער, זיין כאַראַק־טער און פּערזענלעכקייט.

ענטפער: גוטמוטיקייט, געדולד, גוטסקייט און ליבלעכקייט.

פראַגע 7: האָט אייער פאָטער אויסגעאיבט זיין איינפלוס ביים אויס־קלייבן אַ פּראָפעסיע פאַר אייך? האָט אימיצער אין אייער פאַמיליע אייך אינספּירירט אויסצוקלייבן וויסנשאַפט?

ענטפער: דער מאָראַלער איינפלוס איז געווען אַ סך וויכטיקער ווי דער אינטעלעקטועלער.

פראַגע 8: ווער איז געווען דער הויפּט אין אייער פאַמיליע־הויז, אייער פאָטער אָדער די מוטער?

ענטפער: קאָן ניט געענטפערט ווערן.

פראַגע 9: איז געווען וועלכע עס איז אָנדייטונג אין אייערע יונגע יאָרן, אַז צוליב פינאַנציעלע סיבות זאָלט איר אויפגעבן די אַמביציע צו ווערן אַ וויסנשאַפטלער און אויסקלייבן אַ פּראָפעסיע, וואָס ברענגט באַלד אַריין פּרנסה?

ענטפער: ס׳איז ניט געווען קיין פראַגע פון אַמביציע, נאָר אַ ציל, אַן אינטערעס. איך האָב געזאָלט אויסקלייבן אַ פּראַקטישע פּראָפעסיע, אָבער איך האָב דאָס פשוט ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

פראַגע 10: האָט איר ווען עס איז זיך געטראָפן מיט קאַיזער ווילהעלם? אין פאַרבינדונג דערמיט, וואָלט איר געווען אַזוי גוט צו זאָגן אַ פּאָר ווער־טער וועגן די אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע פיגורן, וועמען איר האָט באַ־געגנט, ווי פּואַנקאַרע, אַריסטיד בריאַן, דער בעלגישער קעניג, ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, די יאַפּאַנעזישע קעניגין א. אַז. וו.? האָט איר ווען באַגעגנט גאַנדין? וואָלט איר געקאָנט עפּעס זאָגן וועגן פּרעזידענט רוזוועלט און אייער וויזיט אין ווייסן הויז?

ענטפער: איך בין אַלע מאָל געווען אַ פאַרערער פון פּואַנקאַרען (דעם פיזיקער און מאַטעמאַטיקער), אָבער מיר האָבן זיך פּערזענלעך קיינמאָל ניט געטראָפן. מיין באַציאונג צו די אַנדערע פּערזענלעכקייטן איז געווען אַן אויבערפלעכלעכע. איך האָב קאַיזער ווילהעלמען פּערזענלעך ניט געקענט.

פראַגע 11: ווען האָט איר צו ערשט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס אין מוזיק, באַזונדער אין פידל? איז אייער ליבע צו מוזיק — קונסט צוליב קונסט, אָדער איז עס נאָר כדי זיך צו פאַרוויילן און צעשטרייען? קאָנט איר ניט פאַרטראָגן קיין געטומל? למשל, האַלט איר פון קיי־גומי, אָדער מאַכט עס אייך נערוועז? (ווי אַן אייראָפּייער, מוז איך פרעגן די דאָזיקע נאַריש־קלינגענדיקע פראַגע).

ענטפער: מיין באַציאונג צו מוזיק — אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט. ניין. איך בין בשום אופן ניט נערוועז.

פראַגע 12: האָט איר חלומות? אויב יאָ, דערמאָנט איר זיך אָן זיי, ווען איר זייט וואַך? וואָס פאַר אַן ענין באַרירן זיי אין אַלגעמיין?

ענטפער: קיין שום וויכטיקע זאַך.

פראַגע 13: וואָס פאַר אַ טעגלעכע צייטונג לייענט איר געוויינלעך? האָט איר אַ באַליבטן קאָלומניסט?

ענטפער: קיין ענטפער.

פראַגע 14: זייט איר געווען אַ סאָלדאַט, אָדער האָט איר ווען עס איז געטראָגן אַ מיליטערישע אוניפאָרם?

ענטפער: ניין.

פראַגע 15: גלויבט איר, אַז די הערשנדיקע מורא פאַר מלחמה קאָן געענדערט ווערן דורך אַ גייסט פון פאַציפיזם? קאָנען מיר, לויט אייער מיינונג, זיך דערשלאָגן פרידן נאָר דורך פראָפאַגאַנדע?

ענטפער: קאָן ניט געענטפערט ווערן.

פראַגע 16: האַלט איר, אַז דאָס באַזיצן די אַטאָם־באָמבע איז אַליין פאַר זיך געַנוג צו איינהיטן דעם וועלט־פרידן?

ענטפער: ניין.

פראַגע 17: וואָס איז געווען אייער געפיל וועגן דער באָמבאַרדירונג פון הירָאָשימאַ? האָט דער חורבן, וואָס די באָמבע האָט אָנגעמאַכט, איינגאַנצן באַרעכטיקט אייער השערה? גלויבט איר, אַז עס איז מעגלעך צו אָפּהיטן דעם סוד פון דער אַטאָם־באָמבע אויף שטענדיק? *

ענטפער: גרויל. עס איז פאַקטיש ניטאָ קיין סוד.

פראַגע 18: וואָס איז אייער מיינונג וועגן פאַלעסטינע? האַלט איר, אַז צעטיילונג איז די לייזונג? וואָס וואָלט געווען אייער פלאַן? **

ענטפער: קאָאָפּעראַציע מיט די אַראַבער.

פראַגע 19: עס גייען אַרום אַ סך וויצן וועגן רעלאַטיוויטעט. וועלכע פון זיי באַטראַכט איר ווי די סאַמע אַמוזירנדיקע?

ענטפער: די וואָס האָבן צוטאָן מיטן צונויפמישן די נעמען: איינשטיין און שטיינאַך. עס גייט אַזוי: „פראַו פאָן פאַללאַק, האָט איר שוין געהערט וועגן איינשטיינען און זיין טעאָריע?" „אָ, יאָ, יאָ. דאָס איז דער מיטן רעלאַטיוויטעט דריז (גלענד)".

פראַגע 20: איז עס אמת, און שטאַמט די באַמערקונג פון אייך, אַז נאָר צוועלף מענטשן אין דער וועלט פאַרשטייען די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע?

ענטפער: פשוטער נאָנסענס.

פראַגע 21: וואָס באַטראַכט איר ווי די גרעסטע דערגרייכונג אין אייער וויסנשאַפטלעכער קאַריערע?

---

* ווען די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן, האָט מען נאָך בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַטן געוואוסט ווי צו מאַכן די אַטאָם־באָמבע.

** פון דער פראַגע קאָן מען זיך משער זיין, אַז די אַלע פראַגן זיינען געשטעלט געוואָרן אין סוף פון 1947, ווען די פאַלעסטינע־פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער „יו־ען".

ענטפער: די טעאָריע פון גראַוויטאַציעס, באַזירט אויפן פּרינציפּ פון רעלאַטיוויטעט.

פראַגע 22: ווען האָט איר געמאַכט די פאָלגנדיקע באַמערקונג: „איצט, אַז מיין רעלאַטיוויטעט טעאָריע האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי אַ ריכטיקע, וועט דייטשלאַנד זאָגן, אַז איך בין אַ דייטש און פראַנקרייך וועט זאָגן, אַז איך בין אַ וועלט־בירגער. ווען די טעאָריע וואָלט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פאַלשע, וואָלט פראַנקרייך געזאָגט, אַז איך בין אַ דייטש און דייטשלאַנד וואָלט מיר דערקלערט פאַר אַ אידן".

ענטפער: אַרום 1919, אין אַן אַרטיקל אין דער לאָנדאָנער „טאַימס". אָבער די ציטאַטע איז ניט אינגאַנצן ריכטיק. די אַלטערנאַטיוועס: ער איז געווען אַ דייטשער וויסנשאַפטלער — אַ שווייצאַרישער איד.

פראַגע 23: איך קאָן מיך פאָרשטעלן, אַז פאַרשיידענע געשעפטסלייט מיט פיפיקע איינפאַלן האָבן פרובירט אויסנוצן אייער באַרימטקייט. קאָנט איר דערציילן וועגן דעם טשיקאַווסטן פאָרשלאַג, וואָס איר האָט געקראָגן?

ענטפער: פאַרגעסן, און ניט ווערט מ'זאָל עס געדענקען.

פראַגע 24: זייט איר געווען באַקאַנט מיט די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונ־גען, מיט וועלכע אייער זון פאַרנעמט זיך? וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם?

ענטפער: איך ווייס וועגן זיין אַרבעט און שאַץ זי הויך אָפּ.

פראַגע 25: האָט איר זיך ווען געמישט אין אייער זונס ענינים, אָדער פאָרגעשלאָגן אַ קאַריערע פאַר אים?

ענטפער: ניין.

פראַגע 26: איך וואָלט געוואָלט וויסן, צי די באַאַמטע פון דער ריווער־סאַיד קירך אין ניו־יאָרק האָבן דיסקוסירט מיט אייך זייער פּלאַן אויפצו־שטעלן אייער סטאַטוע אויף דער וועראַנדע־גאַלעריי פון דער קירך? האָט איר געזען די סטאַטוע אין דער קירך?

ענטפער: איך געדענק עס ניט. יאָ.

פראַגע 27: איז אייער פאָטער געווען אַ שטרענגע, צוריקגעהאַלטענע פערזאָן, אָדער ער איז געווען גוטהאַרציק, פריינדלעך?

ענטפער: זייער שטאַרק פריינדלעך, מילד און קלוג.

פראַגע 28: ווער איז אין אייער קאַריערע געווען די ערשטע פערזאָן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס און פאַרשטענדעניש פאַר אייערע וויסנ־שאַפטלעכע טעאָריעס?

ענטפער: שווער צו זאָגן. מער פון אַלץ איז מאַקס פּלאַנק געווען איינער פון די ערשטע און סאַמע אַנטשיידנדיקע פערזענלעכקייטן.

פראַגע 29: איז טאַקע אמת, אַז שפּינאָזאַס פילאָזאָפיע האָט שטאַרק באַאיינפלוסט אייערע וויסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונגען אינעם געביט פון רע־לאַטיוויטעט?

ענטפער: ניין. אָבער ד. הומע און ערנסט מאַך האָבן אין דער הינזיכט געהאַט באַדייטנדיקן איינפלוס.

פראַגע 30: וועלכער פיזיקער, וואָלט איר געזאָגט, האָט אייך באַזונדער באַאיינפלוסט אין אייער וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג?

ענטפער: ה. ס. לאָרענץ און פּלאַנק.

פראַגע 31: איז פאַראַן אַ דייטשע פּערזאָן, פאַר וועמען איר האָט אָפּשיי און וועלכער איז געווען, צווישן דייטש־געבאָרענע, אייערער אַ גאָר פאַר־זענלעכער פריינט?

ענטפער: אָפּשיי פאַר מאַקס פּלאַנק. קיין פריינטשאַפט מיט וועלכן עס איז עכטן דייטש. מאַקס פאָן לאַוע איז מיר געווען צום נאָענטסטן.

פראַגע 32: איז די פּרעסע, אָדער אַנדערע פאָרמען פון פּובליציטעט, לויט אייער מיינונג, אַ טובה אָדער אַ רעה פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג?

ענטפער: אַ פּראָבלעם פאַר אַ דאָקטאָר.

וויסנשאַפט און די געזעלשאַפט

1935

עס זיינען פאַראַן צוויי אופנים, אויף וועלכע די וויסנשאַפט באַווירקט מענטשלעכע ענינים. דער ערשטער איז באַקאַנט יעדן איינעם: דירעקט, און אפילו אויף אַ גרעסערן פאַרנעם אינדירעקט, שאַפט די וויסנשאַפט די מיט־לען, וואָס האָבן אינגאַנצן טראַנספאָרמירט די מענטשלעכע עקזיסטענץ. דער צווייטער אופן איז אויפקלערעריש אין כאַראַקטער — ער ווירקט אויפן גע־דאַנק. כאָטש דער אופן איז ווייניקער קלאָר, ווען מען באַטראַכט אים אי־בערפלעכלעך, איז ער אָבער ניט ווינציקער באַדייטונגספול פונעם ערשטן.

די סאַמע בולטע (בוילעטע) פּראַקטישע ווירקונג פון דער וויסנשאַפט איז, אַז זי מאַכט מעגלעך צו דערשלאָגן זיך די זאַכן, וואָס באַרייכערן דאָס לעבן, כאָטש זיי קאָמפּליצירן עס אין דער זעלביקער צייט, — אַזעלכע דערפינ־דונגען, ווי די דאַמף־מאַשין, די אייזנבאַן, עלעקטרישע קראַפט און ליכט, דער טעלעגראַף, ראַדיאָ, אויטאָמאָביל, עראָפּלאַן, דינאַמיט און אַזוי ווייטער. צו דעם דאַרף מען צורעכענען די לעבן־פאַרהיטנדיקע דערגרייכונגען פון דער ביאָלאָגיע און דער מעדיצין, ספּעציעל די פּראָדוקציע פון מיטלען צו לינדערן דעם ווייטאָק, און די פּרעזערוויר־מעטאָדן פון אוועקלייגן שפּייז אין רעזערוו. דעם גרעסטן פּראַקטישן נוצן, וואָס די אַלע דערפינדונגען האָבן דעם מענטשן געבראַכט, זע איך אין דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן אים באַפרייט פון איבעריקער מוסקול־האָרעוואַניע, וואָס איז אַמאָל אומבאַדינגט נויטיק געווען אויף אויפהאַלטן די פּשוטע עקזיסטענץ. אויב וויפל מיר קאָנען בכלל זאָגן, אַז שקלאַפעריי איז היינט אָפּגעשאַפט, האָבן מיר דאָס צו פאַרדאַנקען די פּראַקטישע רעזולטאַטן פון דער וויסנשאַפט.

פון דער אַנדערער זייט, האָט די טעכנאָלאָגיע — אָדער פּראַקטיש אָנגע־ווענדטע וויסנשאַפט — אַוועקגעשטעלט די מענטשהייט פאַר פּראָבלעמען פון געוואַלטיקער ערנסטקייט. דאָס סאַמע לעבן פון דער מענטשהייט הענגט אָפּ פון אַ צופרידנשטעלנדיקער לייזונג פון די פּראָבלעמען. עס האַנדלט זיך וועגן באַשאַפן אַזעלכע סאָציאַלע אינסטיטוציעס און טראַדיציעס, וואָס אָן זיי מוזן די נייע געצייגן אומפאַרמיידלעך ברענגען דעם ערגסטן סאָרט חורבן.

מעכאַנישע מיטלען פון פּראָדוקציע האָבן, אין אַן אומאָרגאַניזירטער ווירט־

שאַפט, געבראַכט צו אַ שטופּע, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער מענטשהייט איז מער ניט נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע פון סחורות און איז אויף אַזאַ שטייגער אויסגעשלאָסן פונעם פּראָצעס פון עקאָנאָמישן אומזאַץ. די באַלדיקע רעזולטאַטן זיינען — דאָס פאַלן פון דער קויף־קראַפט און, צוליב שטייגנדיקער קאָנקורענץ, די דעוואַלואַציע פון אַרבעט, און דאָס אַלץ ברענגט, מיט אַלץ קלענערע הפסקות, אַ צושטאַנד פון ערנסטן פּאַראַליז אין דער פּראָדוקציע פון סחורות. פון דער אַנדערער זייט, באַשאַפט דאָס אייגנטום־באַזיץ פון די מיטלען פון פּראָדוקציע אַ מאַכט, מיט וועלכער די טראַדיציאָנעלע באַוואָרענישן פון אונדזערע פּאָליטישע אינסטיטוציעס קאָנען זיך ניט פאַרמעסטן. די מענטשהייט איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ געראַנגל פאַר צופּאַסן זיך צו די נייע באַדינגונגען — אַ געראַנגל, וואָס קאָן ברענגען אמתע באַפרייאונג, אויב אונדזער דור וועט זיך אַרויסווייזן צו זיין אויף דער הויך פון זיינע אויפגאַבן.

טעכנאָלאָגיע האָט אויך פאַרקירצט ווייטע שטרעקעס און געשאַפן נייע און אויסערגעווייגלעך עפעקטיווע מיטלען פון פאַרניכטונג, וואָס קאָנען אין די הענט פון פעלקער, וואָס פּרעטענדירן אויף אומבאַגרענעצטער פרייהייט פון אַקציע, ווערן אַ געפאַר פאַר דער זיכערקייט און סאַמע עקזיסטענץ פון דער מענטשהייט. די לאַגע פאָדערט אַן איין־איינציקע יורידישע און עקזעקוטיווע מאַכט איבערן גאַנצן פּלאַנעט, און אַזאַ צענטראַלע אויטאָריטעט ווערט אויף אַ ביטערן אופן באַקעמפט דורך נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. מיר געפינען זיך אין סאַמע צענטער פון אַ קאַמף, וואָס וועט אַנטשיידן דעם גורל פון אונדז אַלעמען.

ענדלעך, די מיטלען פון קאָמוניקאַציע — די רעפּראָדוקציע־פּראָצעסן פאַרן געדרוקט וואָרט און די ראַדיאָ — קאָמבינירט מיטן מאָדערנעם געווער, האָבן געשאַפן אַ מעגלעכקייט אַריינצווואַרפן די נשמה און דעם גוף אין דער שקלאַפעריי פון אַ צענטראַלער אויטאָריטעט, — און דאָ ליגט דער דריטער קוואַל פון דער געפאַר פאַר דער מענטשהייט. די היינטיקע טיראַנישע רעגירונגען און זייער פאַרניכטנדיקע ווירקונג באַווייזן, ווי ווייט מיר זיינען פון אויסנוצן אָרגאַניזאַציאָנעל די דאָזיקע דערגרייכונגען פאַרן נוצן פון דער מענטשהייט. אויך דאָ פאָדערן די באַדינגונגען אַן אינטערנאַציאָנאַלע לייזונג, אָבער דער פּסיכאָלאָגישער פונדאַמענט פאַר אַזאַ לייזונג איז נאָך ניט געלייגט געוואָרן.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן אויף דער אינטעלעקטועלער ווירקונג, וואָס האָט זיך באַקומען פון דער וויסנשאַפט. אין די פאַר־וויסנשאַפטלעכע צייטן איז ניט מעגלעך געווען דורך דעם געדאַנק אַליין צו דערשלאָגן זיך רעזולטאַטן, וואָס די גאַנצע מענטשהייט זאָל אָננעמען ווי זיכערע און נויטיקע. נאָך ווייניקער איז געווען די איבערצייגונג, אַז אַלץ וואָס פּאַסירט אין דער נאַטור איז אונטערגעוואָרפן אומפאַרענדערלעכע געזעצן. דער פראַגמענטאַרער כאַראַקטער פונעם נאַטור־געזעץ, לויט ווי דער פּרימיטיווער באַאָבאַכטער האָט אים אויפגעפאַסט, איז געווען אַזאַ, וואָס האָט געשפּייזט דעם גלויבן אין שדים און רוחות. צוליב דעם לעבט נאָך אפילו היינט דער פּרימיטיווער מענטש אין שטענדיקער מורא, אַז איבערנאַטירלעכע און ווילקירלעכע קרעפטן

װעלן זיך אַריינמישן אין זיין גורל.

עס איז צום אײביקן לויב פון דער וויסנשאַפט, וואָס דורך דער ווירקונג אויפן מענטשלעכן געדאַנק איז זי בייגעקומען דעם מענטשנס אומזיכערקייט בנוגע זיך אַליין און בנוגע דער נאַטור. דורך באַשאַפן די עלעמענטאַרע מאַטעמאַטיק האָבן די גריכן צום ערשטן מאָל אויסגעשמידט אַ געדאַנקען־סיסטעם, וואָס פון אירע אויספירן האָט קיינער ניט געקאָנט אַנטלויפן. די וויסנשאַפטלער פון דעם רענעסאַנס האָבן דערפונדן דאָס קאָמבינירן פון סיסטעמאַטישן עקספּערימענט מיטן מאַטעמאַטישן מעטאָד. דער דאָזיקער בונד האָט מעגלעך געמאַכט אַזאַ גענויקייט אין דער פאָרמולירונג פון נאַטור־געזעצן און אַזאַ זיכערקייט אין קאָנטראָלירן זיי דורך דערפאַרונג, אַז ווי אַ רעזולטאַט דערפון איז מער ניט געבליבן קיין אָרט פאַר פונדאַמענטאַלע מיינונג־פאַרשיידנקייטן אין דער נאַטור־וויסנשאַפט. זינט יענער צייט האָט יעדער דור געבויט אויף דער ירושה פון וויסן און פאַרשטאַנד, אָן דער מינדסטער געפאַר פון אַ קריזיס, וואָס זאָל קאָנען שעדיקן די גאַנצע געביידע.

געוויס, דער ברייטער עולם קאָן אימשטאַנד זיין נאָכצופאָלגן די איינצלהייטן פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג נאָר אין אַ באַשיידענער מאָס; אָבער ער קאָן, צום ווינציקסטן, פאַרצייכענען איין גרויסן און וויכטיקן געווינס: דעם צוטרוי, אַז אויפן מענטשלעכן געדאַנק קאָן מען זיך פאַרלאָזן און אַז דער נאַטור־געזעץ איז אוניווערסאַל.

פאַרוואָס סאָציאַליזם?

(דאָס פאָלגנדיקע איז אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקל פון איינשטיינען אין „מאָנטלי רעוויו", ניו־יאָרק, מאַי 1949)

די מענטשלעכע געזעלשאַפט גייט דורך אַ קריזיס.

די עקאָנאָמישע אַנאַרכיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווי זי עקזיסטירט היינט, איז לויט מיין מיינונג, דער סאַמע קוואַל פון צרות.

. . . דער רעזולטאַט (פון דער קאָנצענטראַציע פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין די הענט פון געציילטע) איז — אַן אָליגאַרכיע פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וואָס איר אומגעהויערע מאַכט קאָן ניט קאָנטראָלירט ווערן אויף אַ ווירקזאַמען שטייגער אפילו דורך אַ דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטער פּאָליטישער געזעלשאַפט. דאָס איז אַזוי, ווייל די מיטגלידער פון די געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפטן ווערן אַרויסגערוקט דורך די פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס ווערן דער עיקר פינאַנסירט, אָדער אויף אַן אַנדער שטייגער באַאיינפלוסט, דורך פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע טיילן פּאַקטיש אָפּ די דאָזיקע קערפּערשאַפטן פון די וויילער. דער רעזולטאַט איז, אַז די פאַרשטייער פון פאָלק פאַרטיידיקן פּאַקטיש ניט אין אַ גענוגנדיקער מאָס די אינטערעסן פון די ווייניק־פּריווילעגירטע טיילן פון דער באַפעלקערונג. נאָכמער, אונטער די איצטיקע באַדינגונגען איז אומפאַרמיידלעך, אַז פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן זאָלן קאָנטראָלירן, דירעקט אָדער אומדירעקט, די הויפּט־קוואַלן פון אינפאָרמאַציע (פּרעסע, ראַדיאָ, בילדונג).

. . . די סיטואַציע וואָס הערשט אין אַ ווירטשאַפט, וועלכע איז באַזירט אויף פּריוואַט־אייגנטום פון קאַפּיטאַל, ווערט כאַראַקטעריזירט דורך צוויי הויפּט־פּרינציפּן: ערשטנס, די פּראָדוקציע־מיטלען (קאַפּיטאַל) געפינען זיך אין פּריוואַטן באַזיץ און די אייגנטימער טוען מיט דעם ווי זיי געפינען פאַר נויטיק; צווייטנס, דער אַרבעט־קאָנטראַקט איז פריי... (אַזוי אַז) וואָס דער אַרבעטער קריגט ווערט באַשטימט ניט דורך דעם אמתן ווערט פון די אַרטיקלען וואָס ער פּראָדוצירט, נאָר דורך זיינע מינימאַלע נויטן און לויט דער באַדערפעניש פון די קאַפּיטאַליסטן אין אַרבעט־קראַפט, אין שייכות מיט דער צאָל אַרבעטער, וואָס קאָנקורירן פאַר די אַרבעט־שטעלעס.

. . . פּראָדוצירט ווערט צוליב פּראָפיטן, ניט צוליב דעם געברויך. עס איז ניטאָ קיין באַוואָרעניש, אַז אַלע וואָס זיינען פעיאיק און באַגערן צו אַרבעטן זאָלן אַלע מאָל זיין אין אַ לאַגע צו געפינען באַשעפטיקונג; אַן „אַרמיי פון אַרבעטלאָזע" עקזיסטירט כמעט שטענדיק. דער אַרבעטער איז כסדר פול מיט שרעק טאָמער וועט ער פאַרלירן די אַרבעט. אַזוי ווי אַרבעטלאָזע און שלעכט־באַצאָלטע אַרבעטער שאַפן ניט קיין פּראָפיט־ברענגענדיקן מאַרק, איז די פּראָדוקציע פון קאָנסומער־סחורות באַגרענעצט און דער רעזולטאַט דערפון איז גרויס נויט. די טעכנאָלאָגישע אַנטוויקלונג באַשאַפט אָפט אַ גרעסערע אַרבעטלאָזיקייט, אַנשטאָט גרינגער צו מאַכן דעם יאָך פון האָרעוואַניע פאַר אַלעמען. דער פּראָפיט־מאָטיוו, צוזאַמען מיט דער קאָנקורענץ צווישן קאַפּיטאַליסטן, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ניט־סטאַבילקייט אין אָנזאַמלען און אויסנוצן דעם קאַפּיטאַל, וואָס דאָס פירט צו אַלץ מער ביטערע דעפּרעסיעס.

אומבאַגרענעצטע קאָנקורענץ פירט צו אומגעהויערער פאַרשווענדונג פון אַרבעט און צו דער פאַרקריפּלונג פון דעם סאָציאַלן געוויסן פון דעם יחיד — די ערגסטע איבלען פון קאַפּיטאַליזם.

איך בין איבערצייגט, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין וועג ווי אַזוי צו באַזייטיקן די דאָזיקע ערנסטע איבלען, און דאָס איז צו עטאַבלירן אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, באַגלייט דורך אַן אויפקלער־סיסטעם, וואָס זאָל זיין אָריענטירט אין דער ריכטונג פון סאָציאַלע צילן.

וועגן בילדונג

(אין אַן אינטערוויו אין דער „ניו־יאָרק טיימס", 5טן אָקטאָבער, 1952)

עס איז ניט גענוג צו לערנען אַ מענטשן אַ ספּעציאַליטעט. ער קאָן דורכדעם ווערן אַ מין ניצלעכע מאַשין, אָבער ניט אַ האַרמאָניש־אַנטוויקלטע פּערזאָן. עס איז וויכטיק, אַז דער סטודענט זאָל קריגן אַ באַגריף און אַ לעבעדיק געפיל פאַר ווערטן. ער מוז קריגן אַ לעבעדיק געפיל פאַר דאָס שיינע און דאָס מאָראַליש גוטע.

אויב ניט, וועט ער מיט זיין ספּעציאַליזירטן וויסן מער ענלעך זיין צו אַ גוט־טרענירטן הונט, ווי צו אַ האַרמאָניש־אַנטוויקלטער פּערזענלעכקייט. ער מוז זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין די מאָטיוון פון מענטשלעכע באַשעפּ־

נישן, זייערע אילוזיעס און זייערע ליידן, כדי צו קריגן אַ געהעריקע באַצי־אונג צום מיטמענטשן, ווי אַ יחיד, און צו דער געזעלשאַפט.

די דאָזיקע ווערטפולע זאַכן קאָנען איבערגעגעבן ווערן דעם ייִנגערן דור דורך פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די לערער און ניט — וויניקסטנס, ניט דער עיקר — דורך די לערן־ביכער.

דאָס לייגן צו שטאַרק געוויכט אויף דער קאָנקורענץ־סיסטעם און די פּריצייטיקע ספּעציאַליזאַציע צוליב באַלדיקער ניצלעכקייט דערהרגעט דעם גייסט, פון וועלכן עס הענגט אָפּ דאָס גאַנצע קולטורעלע לעבן, — דאָס ספּע־ציאַליזירטע וויסן איינגעשלאָסן.

עס איז אויך וועזנטלעך פאַר ווערטפולער בילדונג, אַז אין דער יונגער מענטשלעכער באַשעפעניש זאָל אַנטוויקלט ווערן אַן אומאָפּהענגיק קריטיש דענקען, — אַן אַנטוויקלונג, וואָס ווערט שטאַרק געשעדיקט דורך אַן איבער־לאָדונג פון צופיל און צו פאַרשיידענע לימודים (די פּונקטן־סיסטעם). איבער־לאָדונג מוז פירן צו אויבערפלעכלעכקייט. דאָס לערנען דאַרף זיין אַזוי, אַז דאָס וואָס ווערט געגעבן, זאָל אויפגענומען ווערן ווי אַ ווערטפולע מתנה און ניט ווי אַ שווערע פליכט.

דער ציל פון מענטשלעכער עקזיסטענץ

1943.

אונדזער עפּאָכע איז שטאָלץ מיטן פּראָגרעס, וואָס זי האָט געמאַכט אין דעם מענטשנס אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. דאָס זוכן און שטרעבן צו אמת און וויסן איז איינע פון די מענטשלעכע אייגנשאַפטן, הגם אָפטמאָל פּאַסירט, אַז דווקא די, וואָס שטרעבן אַמווינציקסטן, שרייען וועגן דעם אַמ־העכסטן. און געוויס דאַרפן מיר זיין פאָרזיכטיק און ניט מאַכן דעם אינטע־לעקט פאַר אונדזער גאָט. ער מעג טאָקע פאַרמאָגן שטאַרקע מוסקולן, אָבער ער פאַרמאָגט ניט קיין פּערזענלעכקייט. ער קאָן ניט פירן — ער קאָן נאָר דינען. און ער איז ניט איבערקלייבעריש ביים זוכן פאַר זיך אַ האַר. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די אייגנשאַפטן פון זיינע פּריסטער, די אינטעלעקטואַלן. דער אינטעלעקט האָט אַ שאַרף אויג פאַר מעטאָדן און געצייג, אָבער ווען עס קומט צו צילן און ווערטן איז ער בלינד.

אונדזערע יידישע עלטער־זיידעס, די נביאים און די אַלטע כינעזישע חכמים האָבן פאַרשטאַנען און פּראָקלאַמירט, אַז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין געשטאַלטיקן אַ מענטשלעך לעבן איז דאָס איינשטעלן פאַר זיך אַ ציל. דער ציל דאַרף זיין די עטאַבלירונג פון אַ געזעלשאַפט פון פרייע און גליק־לעכע מענטשן, וואָס האָבן אַן אינערלעכן דראַנג צו באַפרייען זיך פון דער ירושה פון אַנטי־סאָציאַלע און צעשטערערישע אינסטינקטן. אין דעם דאָ־זיקן דראַנג קאָן שוין דער אינטעלעקט זייער שטאַרק באַהילפיק זיין. די פּרוכט פון אינטעלעקטועלע באַמיאונגען, צוזאַמען מיט דער שטרעבונג גופא און מיט דער מיטהילף פון שעפערישער קינסטלערישער ענערגיע גיבן־צו דעם לעבן אינהאַלט און באַדייטונג.

פאַר דעמאָקראַטיע און ציווילע רעכט

סימפּטאָמען פון קולטורעלער צעפוילונג

(„בולעטין אָוו אַטאָמיק סייענטיסטס“, אָקטאָבער 1952)

דער פריערער, ניט־געצאַמטער אויסטויש פון אידייען און וויסנשאַפטלעכע אויספירן איז נויטיק פאַר דער געזונטער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט, ווי דאָס איז אין אַלע ספערן פון קולטורעלן לעבן. לויט מיין מיינונג קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז די אַריינמישונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דאָ אין לאַנד אין דעם פרייען אויסטויש פון וויסן צווישן יחידים, האָט שוין געהאַט אַ באַדייטנדיק שעדלעכע ווירקונג. קודם כל, קאָן דער שאָדן שוין געזען ווערן אין דעם פעלד פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט גופא, און נאָך אַ קורצער צייט וועט מען עס באַמערקן אין דער טעכנאָלאָגיע און אין דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע.

דאָס אַריינרייסן זיך פון דער פּאָליטישער מאַכט אין דעם וויסנשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער לאַנד באַמערקט זיך ספּעציעל אין די שטערונגען בנוגע רייזעס פון אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלער און געלערנטע קיין אויסלאַנד און פון אויסלענדישע וויסנשאַפטלער, וואָס ווילן קומען אַהער אין לאַנד. אַזאַ קליינלעכע אויפפירונג מצד אַ מעכטיק לאַנד איז נאָר אַן אויבן־אויפיקער סימפּטאָם פון אַ חולאת, וואָס האָט טיפע וואָרצלען.

דאָס אַריינמישן זיך אין דער פרייהייט פון מינדלעכע און שריפטלעכע אויסטוישן וועגן וויסנשאַפטלעכע רעזולטאַטן, די ברייט־פאַרשפּרייטע באַציאונג פון פּאָליטישן אומצוטרוי, וואָס ווערט געשטיצט דורך אַן אומגעהויערער פּאָליציי־אָרגאַניזאַציע, די שרעקעוודיקייט פון יחידים און די זאָרג אויסצומיידן אַלץ, וואָס קאָן שאַפן אַ פאַרדאַכט און וואָס קאָן באַדראָען זייער עקאָנאָמישע לאַגע — די אַלע זאַכן זיינען נאָר סימפּטאָמען, כאָטש זיי דעקן אויף נאָך קלאָרער דעם באַדראָענדיקן כאַראַקטער פון דער חולאת.

די אמתע קראַנקהייט אָבער, קוקט אויס, לויט מיין מיינונג, צו ליגן אין דער שטעלונג וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער וועלט־מלחמה און וועלכע דאָמינירט אַלע אונדזערע האַנדלונגען; דאָס איז — דער גלויבן, אַז מיר מוזן אין צייט פון פרידן אַזוי אָרגאַניזירן אונדזער גאַנץ לעבן און גאַנצע אַרבעט, אַז אין פאַל פון מלחמה זאָלן מיר זיין זיכער מיט אַ זיג. פון דער שטעלונג שאַפט זיך דער גלויבן, אַז אונדזער פרייהייט און פאַקטיש אונדזער עקזיסטענץ ווערט באַדראָעט פון מעכטיקע שונאים.

מיט דער דאָזיקער שטעלונג קאָנען דערקלערט ווערן אַלע אומאָנגענעמע פאַקטן, וועלכע מיר האָבן אויבן באַצייכנט, ווי סימפּטאָמען. זי מוז, אויב זי זאָל ניט אויסגעבעסערט ווערן, פירן צו מלחמה און צו זייער ווייט־גייענדיקן

חורבן. זי געפינט איר אויסדרוק אין דעם בודזשעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

נאָר ווען מיר וועלן בייקומען די דאָזיקע משוגעת, וועלן מיר באמת קאָנען ווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט, אויף אַ פאַרנינפטיקן שטייגער, אויף דער אמתער פּאָליטישער פּראָבלעם, און דאָס איז — „ווי אַזוי קאָנען מיר מאַכן דאָס מענטשלעכע לעבן אויף אונדזער איינשרומפּנדיקער ערד זיכערער און מער דערטרעגלעך?"

עס וועט אוממעגלעך זיין פאַר אונדז אויסגעהיילט צו ווערן פון די סימפּטאָמען, וועלכע מיר האָבן דערמאָנט, און פיל אַנדערע, אויב מיר זאָלן ניט בייקומען די טיפערע חולאת, פון וועלכער מיר ליידן.

וועגן ציווילער און אַקאַדעמישער פרייהייט

צו איינשטיינס 75טן געבוירנטאָג איז אין פרינסטאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ אונטער דער אויפזיכט פון דער „עמוירדזשענסי סיוויל ליבערטיס קאָמיטע". ס'זיינען געקומען אַ 200 געלערנטע, פּראָפעסאָרן, שרייבער, גייסטלעכע. עס זיינען געשטעלט געוואָרן איינשטיינען פראַגן וועגן ציווילע און אַקאַדעמישע פרייהייטן, אויף וועלכע ער האָט שריפטלעך געענטפערט.

פראַגע: וואָס מיינט אַקאַדעמישע פרייהייט, און פאַרוואָס איז זי נויטיק ביים זוכן דעם אמת?

ענטפער: מיטן אויסדרוק „אַקאַדעמישע פרייהייט" פאַרשטיי איך — דאָס רעכט צו זוכן דעם אמת, פאַרעפנטלעכן און לערנען וועגן די געדאַנקען, וואָס מען האַלט, אַז זיי זיינען ריכטיקע. אָט דאָס רעכט לייגט אַרויף אַ חוב: מען טאָר ניט באַהאַלטן אפילו קיין טייל פון דעם, וואָס מען באַטראַכט ווי אַן אמת. עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז וועלכע־עס־איז באַשרענקונג פון אַקאַדעמישער פרייהייט שטערט דער פאַרשפרייטונג פון וויסן צווישן מענטשן און דערמיט שטערט עס דער לאָגישער באַטראַכטונג און האַנדלונג.

פראַגע: וועלכע דראָאונגען קעגן אַקאַדעמישער פרייהייט זעט איר אין דער איצטיקער צייט?

ענטפער: די דראָאונג קעגן אַקאַדעמישער פרייהייט אין אונדזער צייט מוז מען זען אין דעם פאַקט, וואָס צוליב דער באַהויפּטונג, אַז עס עקזיסטירט אַ געפאַר פון דרויסן קעגן אונדזער לאַנד, ווערן באַשרענקט אָדער געשטערט — די פרייהייט פון לערנען, קעגנזייטיקער מיינונג־אויסטויש, פרייהייט פון דער פרעסע און אַנדערע מיטלען פון קאָמוניקאַציע. דאָס ווערט דערגרייכט דורך באַשאַפן אַ לאַגע, אין וועלכער מענטשן פילן, אַז זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס ווערן געשטעלט אין געפאַר. דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז אַלץ מער און מער מענטשן מיידן אויס אַרויסצוזאָגן פריי זייערע מיינונגען, אפילו אין זייערע פערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט אַנדערע מענטשן. אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג קאָן לאַנג ניט עקזיסטירן אונטער אַזעלכע באַדינגונגען.

פראַגע: לויט אייער מיינונג, וואָס דאַרף זיין די פליכט פון יעדן בירגער אין דער איצטיקער צייט, אין שייכות מיט דער פאַרטיידיקונג פון אונ־

דזערע טראַדיציאָנעלע פרייהייטן, ווי זיי זיינען אויסגעדריקט אין דעם „ביל אָוו ראַיטס״ ?

ענטפער : די קראַפט פון דער קאָנסטיטוציע הענגט אינגאַנצן אָפּ פון דער אַנטשלאָסנקייט פון יעדן בירגער זי צו פאַרטיידיקן. בלויז ווען יעדער בירגער פילט זיך פאַרפליכטעט בייצוטראָגן זיין טייל צו אָט־דער פאַרטיידי־קונג, קאָנען די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס זיין געזיכערט. אָט־די פליכט ליגט אויף יעדן איינעם, און קיינער טאָר זי ניט אויסמיידן, ניט־געקוקט אויף די ריזיקעס און געפאַרן פאַר אים און זיין פאַמיליע.

פראַגע : לויט אייער מיינונג, וואָס זיינען די ספּעציעלע פאַרפליכטונגען פון אַן אינטעלעקטואַל אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט ?

ענטפער : אין פּרינציפּ איז יעדער איינער צוגלייך פאַרוויקלט אין דער פאַרטיידיקונג פון די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט. די „אינטעלעקטואַלן״ זיינען אָבער, אין דעם ברייטסטן זין פון דעם וואָרט, אין אַ ספּעציעלער לאַגע, ווייל זיי איבן־אויס, צוליב זייער ספּעציעלער שולונג, אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער אויספורעמונג פון דער עפנטלעכער מיינונג. די קרעפטן, וואָס ווילן אונדז פירן צו באַצווינגענדיקער (אויטאָריטאַרער) רעגירונג, זיינען באַזונדער פאַראינטערעסירט אין אָנשרעקן און שטום־מאַכן אָט־די גרופּע. דערפאַר איז עס ספּעציעל וויכטיק אין דער איצטיקער צייט, אַז די אינטעלעקטואַלן זאָלן טאָן זייער פליכט. איך האַלט, אַז עס איז אַ פליכט אָפּצוזאָגן זיך פון קאָ־אָפּערירן אין וועלכער־עס־איז אונטערנעמונג, וואָס פאַרלעצט די קאָנסטי־טוציאָנעלע רעכט פונעם יחיד. דאָס איז בפרט ריכטיק בנוגע אַלע אינקווי־זיציעס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיטן פּריוואַטן לעבן און מיט די פּאָליטישע פאַרבינדונגען פון די בירגער. דער, וואָס קאָאָפּערירט אין אַזאַ פאַל, ווערט אַן אַרויסהעלפער אין האַנדלונגען, וועלכע פאַרלעצן אָדער מאַכן צו־נישט די קאָנסטיטוציע.

קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף לערער און וויסנשאַפטלער

אין אָקטאָבער 1948 איז דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער לערער יוניאָן („טיטשערס יוניאָן״) אין ניו־יאָרק, סעמיועל וואלאך, געהרופן געוואָרן פאַר אַ קאָנגרעס־קאָמיטע, וואו מ׳האָט אים געשטעלט פראַגן וועגן זיינע פּאָליטישע אי־בערצייגונגען. ער האָט געענטפערט, אַז אַזעלכע פראַגן זיינען קעגן דער אַמערי־קאַנער קאָנסטיטוציע. צו אַ גרופּע פון זיינע אונטערשטיצער האָט איינשטיין גע־שיקט די פאָלגנדיקע דערקלערונג :

איך לויב די דערקלערונג, וואָס סעמיועל וואַלאַך האָט געמאַכט פאַר דער האַרטלי קאָמיסיע. איך האַלט, אַז מיר נויטיקן זיך אין אַזעלכע לערער, ווי סעמיועל וואַלאַך, אין אונדזערע שולן. איך שליס זיך אָן אין אייך, אין דעם דרינגענדיקן פאַרלאַנג צום בילדונג־ראַט (פון דער שטאָט ניו־יאָרק) ניט אָנצונעמען קיין שום שטראָף־מיטלען קעגן אים.

אַ ניו־יאָרקער לערער, וויליאַם פראַוענגלעס, האָט דעם 9טן מאַי, 1953, אָנגע־פרעגט ביי איינשטיינען, ווי ער זאָל זיך האַלטן אויף אַ פאַרהער פון דער מעקאַרטי־

סענאַט־קאָמיסיע. דערביי האָט זיך פּראָוענגלעס פאַררופן אויף אַ באַמערקונג וואָס איינשטיין האָט געהאַט געמאַכט, אַז ער איז „אַ פאַרפאַלענער נאָן־קאָנפאָרמיסט" אין אַ „ווייטן געביט פון טעטיקייט", וואָס קיין סענאַט־קאָמיסיע האָט נאָך ניט געפונען פאַר נויטיק אַהין אַריינצוקוקן. איינשטיין האָט אים דעם 16טן מאַי (1953) געענטפערט :

טייערער מר. פּראָוענגלעס,

אַ דאַנק אייך פאַר אייער בריוו. מיטן „ווייטן געביט" האָב איך אינזינען געהאַט די טעאָרעטישע יסודות פון פיזיק.

די פּראָבלעם, פאַר וועלכער די אינטעלעקטואַלן פון דעם לאַנד געפינען זיך, איז זייער אַן ערנסטע. די רעאַקציאָנערע פּאָליטישנס האָבן באַוויזן אַריינצוגעבן אינעם עולם אַ פאַרדאַכט אויף אַלע אינטעלעקטועלע טעטיקייטן, דורך באַמבלען פאַר זיינע אויגן אַ געפאַר פון דרויסן. האָבנדיק אויף אַזוי ווייט פאַרצייכנט דערפאָלג, האָבן זיי זיך איצט אַוועקגעלאָזט צו אונטערדריקן די פרייהייט פון די לערער און צו באַרויבן פון זייערע שטעלעס די אַלע, וואָס ווייזן זיך אַרויס ניט צו זיין אונטערטעניק, דאָס הייסט, אויסצוהונגערן זיי.

וואָס זאָל די מינדערהייט פון די אינטעלעקטואַלן טאָן קעגן אַזאַ איבל? אָפן גערעדט, איך קאָן נאָר זען דעם רעוואָלוציאָנערן וועג פון ניט קאָאָפּעראַציע, אין גאַנדיס זין. יעדער אינטעלעקטואַל, וואָס ווערט גערופן פאַר איינער פון די קאָמיסיעס, דאַרף זיך אָפּזאָגן פון עדות־זאָגן, דאָס הייסט, ער מוז זיין גרייט אויף טורמע און עקאָנאָמישן חורבן, אויף מקריב זיין זיין פערזענלעכן וואוילזיין אין די אינטערעסן פונעם קולטורעלן וואוילזיין פון לאַנד.

דאָס דאָזיקע אָפּזאָגן זיך פון עדות־זאָגן, מוז געשטיצט זיין אויף דער הנחה, אַז עס איז שענדלעך פאַר אַן אומשולדיקן בירגער אונטערצוואַרפן זיך אַזאַ אינקוויזיציע און אַז אַזאַ סאָרט אינקוויזיציע פאַרברעכט קעגן דעם גייסט פון דער קאָנסטיטוציע.

אויב גענוג מענטשן זיינען גרייט צו מאַכן דעם ערנסטן שריט, וועלן זיי האָבן דערפאָלג. אויב ניט, וועלן די אינטעלעקטואַלן דאָ אין לאַנד אויף אַזאַ שטייגער ניט ווערט זיין קיין בעסערע זאַך, ווי די שקלאַפעריי וואָס ווערט צוגעגרייט פאַר זיי.

אויפריכטיק אייערער, א. איינשטיין
אַלבערט איינשטיין

פּ. ס. — דער בריוו מוז ניט באַטראַכט ווערן ווי „קאָנפידענציעל".

* * *

אין דעצעמבער 1953 האָט אַן אינזשענער פון ניו־דזשוירזי, אַלבערט שאַדאָוויץ, דערקלערט פאַר דער מעקאַרטי סענאַט־קאָמיסיע, אַז ער זאָגט זיך אָפּ צו ענטפערן אויף פראַגן און אַז ער טוט עס, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פערזענלעך מישב געווען מיט איינשטיינען. איינשטיין האָט באַשטעטיקט, אַז ער האָט שאַדאָוויצן אַזוי געעצהט צו טאָן.

* * *

אין דעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „רעפּאָרטער“ פון 18טן נאָוועמבער, 1954, איז געווען פאַרעפנטלעכט דער פאָלגנדיקער בריוו:

צום רעדאַקטאָר: איר האָט מיר געפרעגט, וואָס איך טראַכט וועגן אייערע אַרטיקלען וועגן די וויסנשאַפטלער אין אַמעריקע. אַנשטאָט צו פּרובירן אַנאַליזירן די פּראָבלעם, וועל איך אויסדריקן מיינע געפילן אין אַ קורצער באַמערקונג: ווען איך וואָלט געווען אַ יונגערמאַן און וואָלט געדאַרפט באַשליסן ווי אַזוי צו פאַרדינען אויפן לעבן, וואָלט איך ניט פּרובירט ווערן אַ וויסנשאַפטלער, אָדער אַ געלערנטער, אָדער אַ לערער. איך וואָלט גיכער אויסגעקליבן צו זיין אַ רערן־ציער (פּלאָמבער), אָדער אַ פּעדלער, מיט דער האָפענונג צו געפינען יענע באַשיידענע מאָס אומאָפּהענגיקייט, וואָס איז נאָך צו באַקומען אונטער די איצטיקע באַדינגונגען.

אלבערט איינשטיין

פּרינסטאָן, ניו־דזשורזי.

* * *

אין דעם זעלביקן זשורנאַל, אינעם נומער פון 5טן מאַי, 1955, איז געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו, וואָס איינער, אַרטור טאוב, האָט מיט אַ געוויסער צייט פריער געקראָגן פון איינשטיינען אין פאַרבינדונג מיטן אויבן־געבראַכטן בריוו. מר. טאוב האָט איינשטייגען פאָרגעוואָרפן, ערנסט אָדער אין שפּאַס, אין פאַרלאָזן דאָס פעלד פון דער וויסנשאַפט. אויף דעם האָט אים איינשטיין געענטפערט:

איר האָט דורכאויס מיספאַרשטאַנען די כוונה פון מיינע באַמערקונגען. איך האָב געוואָלט געבן אָנצוהערן, אַז די פּראַקטיק פון יענע איגנאָראַנטן, וועלכע באַנוצן זייערע געזעלשאַפטלעכע מאַכט־פּאָזיציעס צו טיראַניזירן איבער די פּראָפעסיאָנעלע אינטעלעקטואַלן, טאָר דורך די אינטעלעקטואַלן ניט אָנגענומען ווערן אָן אַ קאַמף. שפּינאָזאַ האָט זיך געהאַלטן ביי אַזאַ כלל, ווען ער האָט צוריקגעוויזן אַ פּראָפעסאָר־שטעלע אין הײדעלבערג און האָט (ניט ווי העגעל) באַשלאָסן צו פאַרדינען אויפן לעבן אויף אַ שטייגער, וואָס זאָל אים ניט צווינגען צו פאַרמשכונען זיין פרייהייט. די איינציקע פאַרטיידיקונג, וואָס אַ מינדערהייט האָט, איז פּאַסיווער ווידערשטאַנד.

פאַרן פינפטן אַמענדמענט

דאָס פאָלגנדיקע איז אַ בריוו, וואָס איינשטיין האָט געשריבן צום לעגיסלאַטיוון אָנפירער פון דער טיטשערס (לערער) יוניאָן אין ניו־יאָרק, ראָוז ראָסעל.

מאַי 28, 1953

טייערע מיס ראָסעל,

איך פיל זיך געצוואונגען צו ענטפערן אייך אויף אייער פריינטלעכן בריוו פון 21טן מאַי און צו זאָגן אייך, אַז עס איז ניט געווען מיין כוונה אויף וועלכן עס איז אופן צו אויסדריקן אומאַכטונג פאַר׳ן פינפטן אַמענדמענט און פאַרצושטעלן דאָס באַנוצן זיך מיט אים ווי אומבאַרעכטיגקט.

עס דאַכט זיך מיר אָבער, אַז דער פינפטער אַמענדמענט איז אָריגינעל געצילט געוואָרן אוממעגלעך צו מאַכן פאַר דער יורידישער מאַכט צו רואינירן אַן אָנגעקלאָגטן דורך אַן אַרויפגעפּרעסטער קאָנפעסיע.

אין די איצטיקע פאַלן, אָבער, איז די זאַך אַנדערש: דער ציל איז ניט אַרויסצופּרעסן פון אַן אַנגעקלאָגטער פּערזאָן אַ קאָנפעסיע, נאָר צו אָנווענדן אויף אַ ניט־פּאַסנדיקן שטייגער די מאַכט פון דער מלוכה, כדי צו באַנוצן מענטשן ווי אינסטרומענטן אויף פאַרפאַלגן אַנדערע, וועלכע ווערן באַטראַכט ווי „אומאָרטאָדאָקסיש״, ווי אַזעלכע וואָס ווילן זיך ניט צופּאַסן פּאָליטיש, און דאַרפן דעריבער באַשטראָפט ווערן מיט עקאָנאָמישער רואינע. ס'איז אַ מיסברויכונג פון דער קאָנגרעס־אימוניטעט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ פּראַק־טיק, וואָס איז אויגנשיינלעך אומלעגאַל, ווען די דורכפירער זיינען די יורידישע און פּאָליציי־איִשע מאַכט. אַזאַ פּראָצעדור גייט קעגן דעם גייסט — ניט דעם בוכשטאַב — פון דער קאָנסטיטוציע. עס זיינען היינט פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס באַנוצן זיך מיטן פינפטן אַמענדמענט, ניט ווייל זיי וואָלטן זיך אינקרימי־נירט דורך זייער עדות זאָגן, נאָר ווייל זיי זאָגן זיך אָפּ, מיט רעכט, צו ווערן מוסרים.

אין די איצטיקע אומשטענדן זיינען פאַרן יחיד ניטאָ קיין געזעצלעכע מעגלעכקייטן צו פאַרטיידיקן זיינע רעכט און זיין פרייהייט. אָט דעריבער האָב איך געהאַלטן, אַז אין די באַטרעפנדיקע פאַלן איז ניט פאַרבליבן קיין אַנדער וועג פאַר זעלבסט־פאַרטיידיקונג, ווי דער רעוואָלוציאָנערער וועג פון ניט־קאָאָפּעראַציע, וועלכע גאַנדי האָט אַזוי דערפאָלגרייך באַנוצט קעגן דער געזעצלעכער מאַכט פון דער בריטישער הערשאַפט.

אויפריכטיק אייערער,

א. איינשטיין

ווייסע און נעגערס

אין מאַי 1945 האָט איינשטיין דערקלערט אין אַן אינטערוויו, געדרוקט אין דעם נעגערשן וואָכנבלאַט „שיקאַגאָ דעפענדער״, אַז דאָס איינגעמען פון בערלין —

באַדייט ניט דער סוף פון פאַשיזם. דאָס איז אַ זיג איבערן דייטשן פאַ־שיזם, אָבער ניט איבער פאַשיזם בכלל. גיט אַ קוק אויף אַרגענטינע און שפּאַניע. יאָ, עס זיינען פאַראַן פאַשיסטן אין אַמעריקע אויך. דער זיג אי־בערן פאַשיזם אומעטום איז וויכטיק פאַרן נעגער.

פאַרשטייט זיך, איך האַלט ניט פון קיין שום סופּעריאָריטעט פון ווייסע. די ווייסע וועלט פאַרמאָגט אַ געוויסע טעכנישע סופּעריאָריטעט, און „ווייסע איבערהערשאַפט״ גופא איז אַ פּראָדוקט פון דער דאָזיקער טעכנישער סו־פּעריאָריטעט. דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט אמתע מענטשלעכע ווערטן.

איך האַלט, אַז עס איז אַ גרויס אומגליק פאַר אַמעריקע צו האָבן דאָ באַ־דינגונגען, וועלכע האַמעווען די סאָציאַלע אַנטוויקלונג פונעם גאַנצן לאַנד; באַדינגונגען, וועלכע האָבן אָנגעטאָן דעם גרעסטן שאָדן די איינוואוינער פון דרום. אמתער סאָציאַלער פאָרשריט קאָן זיין טאַקע אַן אמתער, נאָר ווען ער נעמט אַרום דאָס גאַנצע פאָלק. די דיסקרימינאַציע אין אַרבעט־לוין, צום ביישפּיל — צו צאָלן נעגערס ווייניקער ווי אַנדערע — מאַכט שווערער אויס־צובעסערן די לאַגע פון די אַנדערע מענטשן. פונעם פּראַקטישן שטאַנד־פּונקט איז עס אַ גרויסע שטערונג. די מאָראַלע שטערונג איז פיל גרעסער ווי די ריין עקאָנאָמישע.

די נעגער-פראַגע

.1946

איך שרייב ווי איינער, וואָס האָט געלעבט צווישן אייך אין אַמעריקע עטוואָס איבער צען יאָר. און איך שרייב ערנסט און ווי אַ וואָרנונג. פיל מענטשן קאָנען פרעגן: „וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער אַרויסצוזאָגן זיך וועגן זאַכן, וואָס גייען אָן אונדז אַליין און וועלכע אַ ניי־געקומענער דאַרף ניט באַרירן?"

איך האַלט ניט, אַז אַזאַ שטאַנדפּונקט איז באַרעכטיקט. איינער וואָס איז אויפגעוואָקסן אין אַ געוויסער סביבה, נעמט אָן אַ סך זאַכן ווי זיי זיינען. פון דער אַנדערער זייט, איינער וואָס איז געקומען אַהער אין לאַנד ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, קאָן האָבן אַ שאַרף אויג פאַר אַלץ וואָס איז מאָדנע און כאַראַקטעריסטיש. איך גלויב, אַז ער דאַרף זיך פריי אַרויסזאָגן וועגן אַלץ וואָס ער זעט און פילט, ווייל אויף אַזאַ אופן קאָן ער מעגלעך זיך אַרויס־ווייזן צו זיין ניצלעך.

דאָס, וואָס באַוועגט דעם ניי־געקומענעם צו זיין געטריי דעם לאַנד, איז — דער דעמאָקראַטישער שטייגער פונעם פאָלק. איך האָב איצט אינזינען ניט אַזוי די דעמאָקראַטישע פּאָליטישע קאָנסטיטוציע פון דעם לאַנד, ווי הויך זי מוז ניט געלויבט ווערן. איך האָב אינזינען די באַציאונג צווישן מענטש און מענטש און די שטעלונג, וואָס זיי האָבן איינער צום אַנדערן.

אין די פאַראייניקטע שטאָטן פילט זיך יעדער איינער זיכער אין זיין ווערט ווי אַ יחיד. קיינער פאַרנויגט זיך ניט פאַר אַן אַנדער פּערזאָן, אָדער קלאַס. אפילו דער גרויסער אונטערשייד אין רייכטום, די איבערוועגנדיקע מאַכט פון געציילטע, קאָן ניט אונטערגראָבן זיין געזונטן זעלבסט־צוטרוי און נאַטירלעכע אַכטונג פאַר דער ווערדע פון זיין מיטמענטשן.

עס איז אָבער פאַראַן אַ שווערער מאָמענט אין דעם סאָציאַלן אויס־קוק פון די אַמעריקאַנער. דאָס דאָזיקע געפיל פון גלייכהייט און מענטשלע־כער ווערדע איז דער עיקר באַגרענעצט צו מענטשן מיט ווייסער הויט. אפילו צווישן אַזעלכע זיינען פאַראַן פאָראורטיילן, וועגן וועלכע איך, ווי אַ איד, בין שטאַרק באַוואוסטזיניק; אָבער זיי זיינען אומוויכטיק אין פאַרגלייך מיט דער שטעלונג פון די „ווייסע" צו זייערע מיטבירגער פון טונקעלערן אויס־זען, באַזונדער צו נעגערס. וואָס מער איך פיל זיך ווי אַן אַמעריקאַנער, אַלץ מער ווייטאָק פאַרשאַפט מיר די סיטואַציע. איך קאָן זיך ראַטעווען פון דעם געפיל פון מיטשולדיקייט נאָר דורך אַרויסזאָגן זיך וועגן דעם.

געוויסע אויפריכטיקע מענטשן וועלן מיר זאָגן: „אונדזער שטעלונג צו נעגערס איז דער רעזולטאַט פון אומגינסטיקע דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט פון לעבן זייט ביי זייט מיט די נעגערס דאָ אין לאַנד. זיי זיינען ניט גלייך צו אונדז אין אינטעליגענץ, אין געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פאַר־לאָזלעכקייט".

איך בין פעסט איבערצייגט, אַז ווער עס גלויבט אַזוי,ליידט פון אַ פאַ־טאַלער מיסקאָנצעפּציע. אונדזערע זיידעס האָבן מיט געוואַלט אַוועקגע־שלעפּט די דאָזיקע שוואַרצע מענטשן פון זייערע היימען, און אין דער יאָ־

געניש פון דעם ווייסן מענטשן נאָך עשירות און אַ גרינג לעבן זיינען זיי געוואָרן ברוטאַל אונטערדריקט און עקספּלואַטירט, דערנידעריקט צו שקלאַפעריי. די היינטיקע פּאָראורטיילן קעגן די נעגערס זיינען רעזולטאַטן פון אַ וואונטש אָנצוהאַלטן אַזאַ אומווירדיקע לאַגע.

די אוראַלטע גריכן האָבן אויך געהאַט שקלאַפן. יענע זיינען ניט געווען קיין נעגערס, נאָר ווייסע מענטשן, וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרן אין די מלחמות. עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן ראַסן־אונטערשיידן. און דאָך האָט אַריסטאָטל, איינער פון די גרויסע גריכישע פילאָזאָפן, דערקלערט, אַז די שקלאַפן זיינען נידעריקערע באַשעפענישן און זיינען מיט רעכט אונטערדריקט און באַרויבט פון זייער פרייהייט. עס איז קלאָר, אַז ער איז געווען פאַרפלאָנטערט אין אַ טראַדיציאָנעלן פּאָראורטייל, פון וועלכן ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען, ניט געקוקט אויף זיין אויסערגעוויינלעכן אינטעלעקט.

אַ גרויסער טייל פון אונדזער שטעלונג צו זאַכן ווערט געשאַפן דורך מיינונגען און געפילן, וואָס מיר זאַפּן איין אין זיך אומבאַוואוסטזיניק, פון קינדוויַז אָן, פון אונדזער סביבה. אין אַנדערע ווערטער, עס איז די טראַדיציע — חוץ געירשנטע צופאַסלעכקייט און אַנדערע אייגנשאַפטן — וואָס באַוועגט אונדז צו זיין וואָס מיר זיינען. מיר גיבן זעלטן וועגן אַ טראַכט, ווי קליין עס איז דער איינפלוס מצד אונדזער באַוואוסטזיניק דענקען אויף אונדזערע האַנדלונגען און איבערצייגונגען, אין פאַרגלייך מיטן איינפלוס פון טראַדיציע.

עס וואָלט געווען נאַריש צו האַסן טראַדיציע. אָבער מיט אונדזער וואַקסנדיקן זעלבסט־באַוואוסטזיין און שטייגנדיקער אינטעליגענץ מוזן מיר אָנהויבן קאָנטראָלירן די טראַדיציע און אָננעמען אַ קריטישע באַציאונג צו איר, אויב די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש זאָלן געענדערט ווערן צום בעסערן. מיר מוזן אָנערקענען וואָס אין אונדזער אָנגענומענער טראַדיציע איז שעדלעך פאַר אונדזער גורל און ווערדע — און אין איינקלאַנג דערמיט פורעמען אונדזערע לעבנס.

איך גלויב, אַז יעדערער וואָס וועט פּרובירן דורכטראַכטן זאַכן אויף אַן אָרנטלעכן שטייגער, וועט גיך אָנערקענען, ווי אומווירדיק און אפילו פאַטאַל עס איז דער טראַדיציאָנעלער פּאָראורטייל קעגן די נעגערס.

וואָס קאָן אָבער דער מענטש פון גוטן ווילן טאָן צו באַקעמפן דעם דאָזיקן טיף־איינגעוואָרצלטן פּאָראורטייל? ער מוז האָבן דעם מוט צו ווייזן אַ ביישפּיל, דורך וואָרט און טאַט, און מוז אַכטונג געבן, אַז זיינע קינדער זאָלן ניט באַאיינפלוסט ווערן פון דעם דאָזיקן ראַסן־פּאָראורטייל.

איך גלויב ניט, אַז עס איז פאַראַן אַ וועג ווי אַזוי דער דאָזיקער טיף־איינגעגעסענער איבל קאָן גיך אויסגעהיילט ווערן. אָבער ביז דער דאָזיקער ציל וועט דערגרייכט ווערן, איז פאַר אַ רעכט־דענקנדיקן און גוט־מיינענדיקן מענטשן ניטאָ קיין גרעסערע צופרידנשטעלונג, ווי צו וויסן, אַז ער האָט געווידמעט זיין בעסטע ענערגיע צום דינסט פון דער דאָזיקער גוטער זאַך.

איינשטיין דער איד

וואָס אַזוינס איז אַ איד?

1938.

דאָס פאַרמירן זיך פון גרופּן האָט געהאַט אַ געזונטע ווירקונג אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן שטרעבן, מערסטנס אפשר צוליב דעם געראַנגל צווישן די איבערצייגונגען און צילן פון די פאַרשיידענע גרופּן. אויך די יידן שטעלן מיט זיך פאָר אַזאַ גרופּע מיט אַ באַשטימטן אייגענעם כאַראַקטער, און דער אַנטיסעמיטיזם איז בלויז די אַנטאַגאָניסטישע שטעלונג, וואָס די עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער גרופּע רופט אַרויס ביי ניט־יידן. דאָס איז אַ נאָרמאַלע סאָציאַלע דערשיינונג און מען וואָלט אפשר קיינמאָל ניט געדאַרפט צוטראַכטן פאַר איר קיין ספּעציעלן נאָמען, ווען מ׳זאָל מיט דעם אַנטיסעמיטיזם ניט מיס־ברויכן פּאָליטיש.

וואָס זיינען די כאַראַקטער־שטריכן פון דער יידישער גרופּע? וואָס איז, קודם־כל, אַ איד? קיין שנעלע ענטפערס אויף דער פראַגע זיינען ניטאָ. דער סאַמע באַשיינפערלעכער ענטפער וואָלט געווען דער פאָלגענדיקער: אַ איד איז אַ פּערזאָן, וואָס געהערט צום אידישן גלויבן. די אויבערפלעכלעכקייט פון אַזאַ ענטפער קאָן מען זען דורך באַנוצן זיך מיט אַ פּשוטן פּאַראַלעל. ווען מיר שטעלן די פראַגע, וואָס איז אַ שנעק? וואָלט אַן ענטפער, ענלעך צו דעם אויבן־געגעבענעם, באַדאַרפט זיין: אַ שנעק איז אַ באַשעפעניש, וואָס לעבט אין אַ שאָלעכץ פון אַ שנעק. דער דאָזיקער ענטפער איז ניט אינגאַנצן פאַלש, אָבער אויך איז ער אַוודאי ניט אויסשעפּנדיק, ווייל די שאָלעכץ פון דעם שנעק איז דאָך בלויז איינער פון די מאַטעריעלע פּראָדוקטן פון דעם שנעק. אויך אַן ענלעכן אופן איז דער אידישער גלויבן בלויז איינער פון די כאַ־ראַקטעריסטישע פּראָדוקטן פון דער אידישער געמיינדע. נאָך מער, עס איז באַוואוסט, אַז אַ שנעק קאָן אַראָפּוואַרפן זיין שאָלעכץ און דאָך ניט אויפהערן צו זיין אַ שנעק. אויך אַ איד, וואָס פאַרלאָזט זיין גלויבן (אין דעם פאָרמעלן זין פונעם וואָרט) איז אין אַן ענלעכער לאַגע: ער בלייבט אַ איד.

אַזעלכע שוועריקייטן מוזן אויפקומען אַלע מאָל, ווען מען וויל דערקלערן דעם פונדאַמענטאַלן כאַראַקטער פון אַ גרופּע.

דער בונד, וואָס האָט פאַראייניקט די אידן אין משך פון יאָרטויזנטער און האַלט זיי צוזאַמען נאָך היינט־צו־טאָג איז, מער פון אַלץ, דער דעמאָקראַ־טישער אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, געבונדן מיטן אידעאַל פון קעגנ־זייטיקער הילף און טאָלעראַנץ צווישן אַלע מענטשן. אפילו די סאַמע עלטסטע רעליגיעזע שריפטן פון די אידן זיינען דורכגעדרונגען מיט די דאָזיקע סאָ־ציאַלע אידעאַלן, וואָס האָבן שטאַרק באַווירקט דאָס קריסטנטום און דעם מאַכמעדאַניזם און גינסטיק באַאיינפלוסט די סאָציאַלע סטרוקטור פון אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט. דאָס איינפירן אַ וועכנטלעכן רו־טאָג, זאָל דאָ

דערמאָנט ווערן, איז געווען אַ גרויסע ברכה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי משה, שפּינאָזאַ און קאַרל מאַרקס, — ווי פאַרשיידן זיי זיינען ניט געווען — האָבן אָבער געלעבט און זיך מקריב געווען פאַר דעם אידעאַל פון סאָציאַלן יושר ; און עס זיינען געווען די טראַדיציעס פון זייערע עלטער־זיידעס, וואָס האָבן זיי געפירט אויף דעם דאָזיקן דערנערוועג. די אומפאַרגלייכלעכע דערגרייכונגען פון די אידן אויפן געביט פון פילאַנטראָפּיע שטאַמען אויך פון דעם זעלביקן קוואַל.

דער צווייטער כאַראַקטער־שטריך פון דער אידישער טראַדיציע איז די טיפע אַכטונג, מיט וועלכער זי באַציט זיך צו יעדער פאָרם פון אינטעלעקטועלער שטרעבונג און גייסטיקער אָנשטרענגונג. איך בין איבערצייגט, אַז די דאָזיקע אַכטונג פאַר אינטעלעקטועלער שטרעבונג איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די בייטראָגן, וואָס די אידן האָבן געמאַכט אויפן פעלד פון וויסן אין דעם ברייטסטן זין פונעם וואָרט. ווען מען נעמט אין אַכט זייער רעלאַטיוו־קליינע צאָל און די באַדייטנדיקע דרויסנדיקע שטערונגען, וואָס זיי באַגעגענען אויף זייער וועג, דאַרף דער פאַרנעם פון זייערע בייטראָגן אַרויסרופן די באַוואונדערונג פון אַלע אויפריכטיקע מענטשן. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז ניט קיין רעזולטאַט פון ספּעציעלע באַגאָבונגען, נאָר פון דעם, וואָס אינטעלעקטועלע דערגרייכונגען ווערן ביי אידן הויך געשאַצט ; דאָס שאַפט שוין אַ גינסטיקע אַטמאָספערע פאַר דער אַנטוויקלונג פון יעדן מין טאַלאַנט. גלייכצייטיק פאַרמאָגן די אידן אַ שאַרפן קריטישן חוש, וואָס פאַרהיט זיי פון בלינדער פאַרהערלעכונג פון וועלכער ניט איז מענטשלעכער אויטאָריטעט.

איך האָב זיך דאָ באַגרענעצט מיט די דאָזיקע צוויי טראַדיציאָנעלע שטריכן פון דעם אידישן פאָלק, ווייל זיי שיינען מיר צו זיין די סאַמע פונדאַמענטאַלע. די דאָזיקע אידעאַלן געפינען זייער אויסדרוק סיי אין גרויסע, סיי אין קליינע אידישע געשעענישן. זיי ווערן איבערגעגעבן פון עלטערן צו קינדער ; זיי גיבן צו קאָליר צו די שמועסן, וואָס פריינט פירן צווישן זיך ; זיי פילן אָן די רעליגיעזע שריפטן ; און זיי לייגן אַרויף זייער כאַראַקטעריסטישן שטעמפּל אויפן גאַנצן געמיינשאַפטלעכן לעבן פון דער גרופּע. אין די דאָזיקע אייגנטימלעכע אידעאַלן זע איך דעם תמצית פון דעם אידישן כאַראַקטער. דאָס וואָס די דאָזיקע אידעאַלן ווערן ניט פולשטענדיק רעאַליזירט אין דעם טאָגטעגלעכן לעבן, איז ניט מער ווי נאַטירלעך. אָבער ווען מען וויל קורץ אויסדריקן דעם וועזנטלעכן כאַראַקטער פון אַ גרופּע, דאַרף מען זי מעסטן לויט די אידעאַלן.

דער באַרוף פון אידן

פון אַ באַגריסונג צו אידישע קינסטלער און וויסנשאַפטלער, מערץ 1936.

אין דער איצטיקער צייט שיינט צו זיין אַ באַזונדערע נויטווענדיקייט פאַר דענקענדיקע מענטשן, — פאַר פריינט פון וויסן און אמת — צו דערנעענטערן זיך און פאַרבינדן זיך איינע מיט די אַנדערע. ווייל כאָטש עס איז אמת, אַז אין אונדזער צייט איז אָנגעזאַמלט מער וויסן ווי אין וועלכער ניט איז פריי־

ערדיקער עפּאָכע, איז אָבער אויך אַ פּאַקט, אַז די ליבשאַפט פּאַרן אמת און פאַר פּאַרטיפונג, וואָס האָט אַמאָל באַפליגלט דעם גייסט פון רענעסאַנס, איז איצטער אָפּגעקילט געוואָרן; איר פּלאַץ האָט פּאַרנומען אַ ניכטערע ספּעציאַ־ ליזאַציע, וואָס וואָרצלט — ניט אין דער גייסטיקער ספערע פון דער געזעל־ שאַפט, נאָר אין דער מאַטעריעלער. בלויז אַזעלכע גרופּעס ווי אייערע פאַר־ נעמען זיך מיט גייסטיקע אויפגאַבן און צילן.

אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער האָבן אידן געהאַלטן זיך ביי זייערע מאָראַלע און גייסטיקע טראַדיציעס. זייערע איינציקע פירער זיינען געווען זייערע לערער. אַדאַנק דעם האָבן זיי פאַרהיט זייער מאָראַלע קראַפט און שטאַנדהאַפטיקייט. צום באַדויערן האָט מען די גייסטיקע אָריענטאַציע, אין פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צום ברייטן אַרום, לעצטנס פאַררוקט אין הינטער־ גרונט. אויב מיר ווילן אויך אויף ווייטער פאַרהיטן אונדזער פולער מאָראַלע קראַפט לטובת דער מענטשהייט, וועלן מיר מוזן אָנהאַלטן אונדזער גייסטיקע אָריענטאַציע אויפן לעבן.

דער טאַנץ אַרום דער גאָלדענער קאַלב איז ניט געווען סתם אַ לעגענ־ דאַרער עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון אונדזערע אור־עלטערן, — אַן עפּיזאָד, וואָס אין זיין פּשטות שיינט ער מיר צו זיין מער אומשולדיק, ווי דאָס טאָטאַלע איבערגעבן זיך צו מאַטעריעלע און זעלבסט־גייציקע צילן, וואָס באַדראָעט דעם אידנטום אין די היינטיקע טעג. דעריבער איז איצטער אַזוי דרינגענדיק נוי־ טיק די פאַראייניקונג פון אַלע די, וואָס האַלטן טייער די גייסטיקע ירושה פון אונדזער פאָלק. איבערהויפּט איז עס נויטיק פאַר אַ גרופּע, וואָס איז פריי פון וועלכער ניט איז היסטאָרישער און נאַציאָנאַליסטישער שמאָלקייט. מיר, יידן, דאַרפן זיין און פאַרבלייבן די טרעגער און פאַרטיידיקער פון גייס־ טיקע ווערטן. מיר דאַרפן אָבער אַלעמאָל געדענקען, אַז די דאָזיקע גייסטיקע ווערטן זיינען איצט און אַלעמאָל געווען דער אַלגעמיינער ציל און אָנהאַלט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די רעטונג פון אידן

פון אַ רעדע צו דער געלעגנהייט פון אַ נאָבעל־פּריז באַנקעט אין ניו־יאָרק, אין דעצעמבער 1945.

די מלחמה איז געוואונען געוואָרן, אָבער ניט דער פרידן. די גרויסע מלוכות, פאַראייניקט ביים שלאָגן זיך, זיינען איצט צעטיילט וועגן די פרידנס־ אָפּמאַכן. מ׳האָט צוגעזאָגט דער וועלט פריי צו זיין פון שרעק, אָבער דער פאַקט איז, אַז שרעק איז אומגעהויער געוואַקסן זינט דעם סוף פון דער מלחמה. מ׳האָט צוגעזאָגט דער וועלט פריי צו זיין פון נויט, אָבער גרויסע טיילן פון דער וועלט געפינען זיך פּנים אל פּנים מיט הונגער, בשעת אַנדערע לעבן אין שפע. מ׳האָט צוגעזאָגט די פעלקער פרייהייט און גערעכטיקייט, אָבער מיר זיינען געווען עדות און זיינען עדות אויך איצט פון דעם טרויעריקע ספּעקטאַקל, ווען „באַפרייענדיקע" אַרמייען שיסן אין באַפעלקערונגען, וואָס ווילן אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַלע גלייכהייט, און שטיצן אין די לענדער,

דורך געוואַלט־מאַכט און געווער, אַזעלכע פּאַרטייען און פּערזאָנען, וואָס שיינען צו זיין צום בעסטן צוגעפּאַסט צו דינען די אינטערעסן פון די באַזיצער פון אייגנטום. טעריטאָריעלע פראַגן און אַרגומענטן וועגן מאַכט, אָפּגעלעבט ווי זיי זאָלן ניט זיין, נעמען נאָך די אויבערהאַנט איבער די ווענזנטלעכע פאָדערונגען פון אַלגעמיינעם וואוילזיין און גערעכטיקייט.

דערלויבט מיר צו זיין מער ספּעציפיש וועגן גראַד איין ענין, וועלכער איז נאָר אַ סימפּטאָם פון דער אַלגעמיינער סיטואַציע: דער ענין פון מיין אייגן פאָלק, די אידן.

אַזוי לאַנג ווי די נאַצישע געוואַלט־מעשים זיינען אַנגעווענדט געוואָרן נאָר, אָדער דער עיקר, אויף אידן, האָט די איבעריקע וועלט זיך פּאַסיוו צוגעקוקט און אפילו טראַקטאַטן און אָפּמאַכן זיינען געשלאָסן געוואָרן מיט דער אָפן־פאַרברעכערישער רעגירונג פון דריטן רייך. שפּעטער, ווען היטלער האָט געהאַלטן ביים איבערנעמען רומעניע און אונגאַרן, אין אַ צייט ווען מאַידאַנעק און אָשווענטשים זיינען געווען אין די הענט פון אַליאירטע און די מעטאָדן פון די גאַז־קאַמערן זיינען געווען באַוואוסט איבער דער גאַנצער וועלט, זיינען אַלע פּאַרזוכן צו ראַטעווען די רומענישע און אונגאַרישע אידן צונישט געמאַכט געוואָרן, דורך דעם וואָס די טירן פון פּאַלעסטינע זיינען דורך דער ענגלישער רעגירונג געהאַלטן געוואָרן פאַרמאַכט פאַר אידישע אימיגראַנטן, און קיין לאַנד איז ניט געפונען געוואָרן, וואָס זאָל אַריינלאָזן די דאָזיקע פאַרוואָרלאָזטע מענטשן. זיי זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן אויף אומקומען, ווי זייערע ברידער און שוועסטער אין די אָקופּירטע לענדער זיינען אומגעקומען.

מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן די העראָאישע אָנשטרענגונגען פון די קליינע לענדער — די סקאַנדינאַווישע, די האָלענדישע און די שווייצאַרישע פעלקער, און פון יחידים אין די אָקופּירטע טיילן פון אייראָפּע, וועלכע האָבן געטאָן אַלץ אין זייערע כוחות צו באַשיצן אידישע לעבנס. מיר פאַרגעסן ניט די הומאַנע באַציאונג פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכער איז געווען דער איינציקער צווישן די גרויסע מלוכות, וואָס האָט געעפנט די טירן פאַר הונדערטער טויזנטער אידן, ווען די נאַצי־אַרמייען האָבן מאַרשירט אויף פּוילן. אָבער נאָך אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט, און איז נישט פאַרמידן געוואָרן פון פּאַסירן, ווי האַלט עס איצט?

בשעת אין אייראָפּע ווערן טעריטאָריעס צעטיילט אָן אַ שום קימערן זיך פאַרן וואונטש פון די באַטרעפנדיקע מענטשן, ווערט פאַרן שארית הפליטה פון אייראָפּייאישן אידנטום, אַ פינפטל פון דער פאַר־מלחמהדיקער צאָל, ווידער פאַרשפּאַרט דער צוטריט צו זייער רעטונג־האָפן אין פּאַלעסטינע און איז איבערגעלאָזט אויף הונגער און קעלט און פיינטלעכער סביבה. עס איז ניטאָ קיין לאַנד, אפילו היינט, וואָס זאָל זיין גרייט אָדער פּיאיק צו געבן זיי אַן אָרט, וואו זיי זאָלן קאָנען לעבן אין פרידן און זיכערקייט. און דער פאַקט וואָס פיל פון זיי ווערן נאָך אַלץ געהאַלטן דורך די אַליאירטע אין די דערנידערנדיקע באַדינגונגען פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איז אַ גענוגנדיקער באַווייז פאַר דער שענדלעכקייט און האָפענונגסלאָזיקייט פון דער סיטואַציע.

אידן, אַראַבער און ענגלאַנד

פון אַ ראַדיאָ־רעדע פאַרן יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל, נאָוועמבער 1949.

ביים אָפּשאַצן די דערגרייכונגען (פון ישראל) טאָרן מיר אָבער ניט פאַרלירן פון אויג דעם אידעאַל, וואָס מיר דאַרפן דורך די דערגרייכונגען דינען: ראַטעווען אונדזערע ברידער — צעשפּרייטע אין פיל לענדער — וועלכע געפינען זיך אין געפאַר, דורך פאַראייניקן זיי אין ישראל; שאַפן אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל שטימען אַזוי נאָענט ווי מעגלעך מיט די עטישע אידעאַלן פון אונדזער פאָלק, ווי זיי זיינען אויסגעפורעמט געוואָרן אין משך פון אַ לאַנגער געשיכטע.

איינער פון די אידעאַלן איז — שלום, באַזירט אויף פאַרשטענדיקונג און זעלבסט־באַהערשונג און ניט אויף געוואַלט־אַקטן. בעת מיר זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם אידעאַל, ווערט אונדזער פרייד עטוואָס געמישט מיט טרויער, ווייל אונדזערע באַציאונגען מיט די אַראַבער זיינען אין דער איצטיקער צייט ווייט פון צו זיין אידעאַלע. עס קאָן זיין, אַז מיר וואָלטן דעם אידעאַל דערגרייכט, ווען עס וואָלט אונדז דערלויבט געוואָרן איינצושטעלן אונדזערע באַציאונגען מיט אונדזערע שכנים אומגעשטערט פון אַנדערע, ווייל מיר ווילן שלום און מיר אָנערקענען, אַז אונדזער צוקונפטיקע אַנטוויקלונג הענגט אָפּ פון שלום.

עס איז געווען אַ סך וויניקער די שולד פון אונדז, אָדער פון אונדזערע שכנים, ווי פון דער מאַנדאַטן־מאַכט, וואָס מיר האָבן ניט דערגרייכט אַן אומצעטיילטע פּאַלעסטינע, אין וועלכער אידן און אַראַבער זאָלן לעבן ווי גלייכע, פריי און אין פרידן. ווען איין פאָלק הערשט איבער אַנדערע פעלקער, ווי דאָס איז געווען מיטן בריטישן מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע, קאָן עס קוים אויסמיידן פון נאָכפאָלגן דעם באַרימטן לאָזונג: צעטייל און הערש. אויף פּשוטן לשון באַדייט עס: שאַפן רייסערייען צווישן די פעלקער, איבער וועלכע מען רעגירט, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך ניט פאַראייניקן כדי אַראָפּצוואַרפן דעם יאָך, וואָס איז אויף זיי אָנגעטאָן געוואָרן. נו, דער יאָך איז באַזייטיקט געוואָרן, אָבער די פאַרזייטע קערנדלעך פון רייסערייען האָבן געגעבן פּרוכט און קאָנען נאָך אָנטאָן שאָדן אויף אַ לאַנגער צייט, — לאָמיר האָפן ניט אויף לאַנג.

ישראל, די אַראַבישע לענדער און די פּאָליטיק פון די גרויסע מלוכות

טיילן פון אַ רעדע, וואָס איינשטיין האָט געהאַט צוגעגרייט צו האַלטן אויף טעלעוויזיע צום זיבעטן יאָרטאָג פון מדינת ישראל, דעם 5טן טאָג אין אייר (27טן אַפּריל, 1955), פאַרעפנטלעכט אין דער „נ. י. טאַימס“, דעם 1טן מאַי, 1955.

די גרינדונג פון מדינת ישראל איז אינטערנאַציאָנאַל אָנערקענט געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס פאַר דעם צוועק צו ראַטעווען די רעשטלעך פון דעם אידישן פאָלק פון אומגעהויערע גרוילן פון פאַרפאָלגונג און אונטער־

דריקונג. נאָך אַ צוועק איז געווען צו שאַפן באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס גייסטיקע און קולטורעלע לעבן פון אַ אידישער געזעלשאַפט זאָל קאָנען געפינען אַ פרייען אויסדרוק. אַזוי אַרום איז די גרינדונג פון ישראל אַ געשעעניש, וואָס האָט אַקטיוו צו טאָן מיטן געוויסן פון איצטיקן דור.

עס איז דעריבער אַ ביטערער פּאַראַדאָקס צו זען, אַז אַ מלוכה, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ שוץ־פּלאַץ פאַר אַ מאַרטירער־פאָלק, ווערט אַליין באַדראָעט דורך ערנסטע געפאַרן פאַר איר אייגענער זיכערקייט. דער וועלט־געוויסן קאָן ניט בלייבן גלייכגילטיק צו אַזאַ געפאַר. איינע פון די וויכטיקע מאָראַלישע דערגרייכונגען, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דאַרף פאַרהיט ווערן פון אַט־דער אומנאַטירלעכער געפאַר.

דער דרוק פון אַראַבישער פיינטלעכקייט און דער קעגן־דרוק פון ישראלס פאַרטיידיקונג האָבן געשאַפן אַ שטענדיקע אָנגעצויגנקייט. עס איז אומנאַרמאַל, אַז די וועלט־מיינונג זאָל ניט זוכן אויף אַן אַקטיוון אופן צו מאַכן אַ סוף צו דער אַראַבישער פיינטלעכקייט, וואָס איז די וואָרצלדיקע סיבה פון אַט־דער אָנגעצויגנקייט.

איינע פון די פונדאַמענטאַלע סיבות פון אַט־דעם קריזיס איז די פּאָליטיק פון די גרויסע מלוכות, וועלכע געפינט אַן אויסדרוק אין איינזייטיקע מיליטערישע פּאַקטן און וואָפן־אָפּמאַכן. דער עיקר פון אַט־דער פּאָליטיק איז דער פאַרלאַנג צוצוגרייטן דעם מיטעלן מזרח פאַר זיין ראָל אין פאַל פון אַ וועלט־קאַמף צווישן דעם מזרח און מערב.

דאָס איז אָבער ניט קיין ריכטיקער אָדער אויפגעקלערטער אויסגאַנגפונקט פאַר אַ געגנט־פּאָליטיק אין דעם מיטעלן מזרח. די פאַרניכטנדיקע מעגלעכקייט פון מאָדערנע וואָפן מאַכט אַזאַ קאַמף פאַר אינגאַנצן אומדענקבאַר. עס איז פאַלש צו אָנוועקלאָזן זיך אויף אַ וועלט־„זיכערקייט״־פּאָליטיק, וועלכע שאַפט לאָקאַלע אומגלייך־געוויכטן און אומזיכערקייטן; און צו טאָן דאָס אין נאָמען פון אַן אויסזיכט פון מלחמה, וואָס דאַרף אינגאַנצן אויסגעשלאָסן ווערן, ווי אַן אומדענקבאַרע זאַך.

אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק פאַרן מיטל־מזרח דאַרף דאָמינירט ווערן פון באַמיאונגען צו פאַרזיכערן שלום אין ישראל און ביי אירע שכנים. אַט־דאָס וואָלט געשטימט מיט די אַלוועלטלעכע אידייען פון פרידן און ברידערלעכקייט, וואָס זיינען געווען דער סאַמע באַדייטנדיקסטער ביישטייער פון דעם פאָלק פון ישראל אין זיין לאַנגער געשיכטע.

מלחמה און שלום

די ראָל פון רוסלאַנד אין דער מלחמה

די פאָלגנדיקע רעדע האָט איינשטיין צוגעשיקט צו אַ באַנקעט אויף זיין נאָמען, וואָס דער אידישער קאָונסיל פון ראַשיען וואָר רעליף (ראַט פון רוסישער מלחמה־הילף) האָט איינגעאָרדנט אין קאָמאָדאָר האָטעל, ניו־יאָרק, דעם 25טן אָקטאָבער 1942. (איינשטיין איז געווען דער ערן־פּאָרזיצער פון דעם „קאָונסיל" אין משך פון אַלע יאָרן, וואָס די קערפּערשאַפט האָט עקזיסטירט).

ווי פריינט פון מענטשלעכן פּראָגרעס, ווי אַמעריקאַנער און ניט צולעצט ווי אידן, האָבן מיר די סאַמע שטאַרקסטע סיבות פאַר געבן אַלץ, וואָס איז אין אונדז, אין דעם קאַמף פונעם רוסישן פאָלק פאַר פרייהייט.

לאָמיר פון אָנהויב אָן זיין קלאָר. אין משך פון פיל יאָרן האָט אונדזער פּרעסע אונדז פאַרפירט וועגן די דערגרייכונגען פון דעם רוסישן פאָלק און זיין רעגירונג. היינט אָבער ווייס יעדערער, אַז רוסלאַנד האָט געאַרבעט און אַרבעט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט מיטן זעלביקן חשק, ווי אונדזער אייגן לאַנד. און מיט דעם, וואָס זי האָט דערגרייכט אין דער איצטיקער מלחמה, האָט זי ניט ווייניקער קלאָר געמאַכט, אַז זי האָט אויפגעטאָן גרויסע זאַכן אויף אַלע אינדוסטריעלע און טעכנישע געביטן. אָנהויבנדיק פון אַ פּרימיטיוון אָנהויב, איז דער אימפּעט פון איר אַנטוויקלונג אין די לעצטע 25 יאָר געווען אומגעהויער, — אַזאַ, וואָס האָט קוים אַ פאַרגלייך אין דער געשיכטע. עס וואָלט געווען פאַלש צו באַטראַכטן דעם טריאומף פון די אָרגאַניזיר־מעטאָדן, ווי אַן אָפּגעזונדערטע זאַך. צווישן אַלע גרויסע מלוכות, איז די רוסישע רעגירונג אויף דעם פּאָליטישן געביט געווען טעטיק אויפן סאַמע אָרנטלעכן און אומצווייפלהאַפטיקן אופן, צו שאַפן אינטערנאַציאָנאַלע זיכערקייט. זי האָט נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיקן ציל אין איר אויסלענדישער פּאָליטיק ביז קורץ פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, — פאַקטיש זינט די אַנדערע מלוכות האָבן זי באַזייטיקט פון דעם אייראָפּייאישן פאַרבאַנד, אין די טעג פונעם פאַרראַט פון טשעכאָסלאָוואַקיע. דעמאָלט איז זי געטריבן געוואָרן צו שליסן דעם אומגליקלעכן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, ווייל עס איז געווען באַקאַנט, אַז עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך צו אָפּווענדן די קראַפט פון דער דייטשער אַטאַקע אויף מזרח. אין קאָנטראַסט צו די מערב־מלוכות, האָט רוסלאַנד געשטיצט די געזעצלעכע רעגירונג אין שפּאַניע; זי האָט פאַרגעשלאָגן הילף טשעכאָסלאָוואַקיע, און האָט ניט געהאָט אויף זיך די שולד פון שטאַרקן די באַוואָפענונג פון די דייטשע און יאַפּאַנעזישע אַוואַנטוריסטן. קורץ, רוסלאַנד קאָן ניט באַשולדיקט ווערן אין אומגעטריישאַפט אויפן געביט פון אויסלענדישער פּאָליטיק. צוליב דער זעלביקער סיבה קאָנען מיר פון איר דערוואַרטן מעכטיקע און לאָיאַלע קאָאָפּעראַציע אין אַן אַרבעט־פּייאיקן פּלאַן פון אינטערנאַציאָנאַלער זיכערקייט.

אויב זי זאָל באַגעגענען די זעלביקע ערנסטקייט און גוטן ווילן ביי די אַנדערע מלוכות.

איין קאָמענטאַר אויף דער אינערלעכער פּאָליטיק פון רוסלאַנד. מ'קאָן ניט לייקענען, אַז דאָרט איז פאַראַן שטאַרקער פּאָליטישער דרוק. מעגלעך, אַז דאָס איז צוליב דער נויטווענדיקייט צו ברעכן די מאַכט פון דעם פריערדיקן הערשנדיקן קלאַס און צו זיכערן דאָס לאַנד קעגן אויסלענדישער אַגרעסיע; צוליב דער שווערער אויפגאַבע פון פאַרוואַנדלען אַ פּאָליטיש אומוויסנדיק און קולטורעל אָפּגעשטאַנען פאָלק אין אַ פאָלק פון אָרגאַניזירטער פּראָדוקטיווער אַרבעט, ניט געקוקט אויף טיף־איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס פון דער פאַרגאַנגענהייט. איך נעם זיך ניט אונטער אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל אין די שווערע ענינים. אָבער אין דער אייניקייט פון דעם רוסישן פאָלק קעגן אַ מעכטיקן שונא פון דרויסן זע איך אַ באַווייז פון אַן אַלגעמיינעם מעכטיקן ווילן צו פאַרטיידיקן וואָס דאָס פאָלק האָט געוואונען, דורך אומבאַגרענעצטע קרבנות און מוסטערהאַפטער מסירת נפש. מיר מוזן אויך געדענקען, אַז די עקאָנאָמישע זיכערקייט פון דעם יחיד און די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיווער קראַפט פונעם לאַנד פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין האָט געפאָדערט מ'זאָל אין אַ געוויסער מאָס מקריב זיין פערזענלעכע פרייהייט — יענע פערזענלעכע פרייהייט, וועלכע האָט סוף־כל־סוף ניט זייער קיין שטאַרקע ממשות, סיידן זי פאַרמאָגט אַ מאָס פון עקאָנאָמישער זיכערקייט.

נאָכאַמאָל, לאָמיר נעמען אין אַכט ווי אויסערגעוויינלעך דערפאָלגרייך רוסלאַנד איז געווען אינעם אַנטוויקלען דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון איר פאָלק. ריזיקע אויפלאַגעס פון די בעסטע ביכער ווערן פאַרשפּרייט אומעטום און מיט חשק געלייענט און שטודירט, — אין אַ לאַנד, וואו די קולטור איז מיט 25 יאָר צוריק געווען באַגרענעצט צו אַ דינעם שיכט פון די געציילטע פּריווילעגירטע. דאָס איז אַ רעוואָלוציע, וואָס מיר קאָנען נאָר שוואַך באַנעמען.

ענדלעך, לאָזט מיר דערמאָנען אַ פאַקט פון באַזונדערער און אַנטשיידנדיקער באַדייטונג פאַר אונדז, אידן. אין רוסלאַנד עקזיסטירט ניט בלויז פאָרמעלע, נאָר פאַקטישע גלייכהייט פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן און קולטורעלע גרופּן. „גלייכע צילן און גלייכע רעכט מיט גלייכער פאַרטיילונג" איז ניט קיין פּוסטע פראַזע, נאָר אַ סטאַנדאַרד, וואָס ווערט אָנגעהאַלטן אין לעבן גופא.

אויף אַזוי פיל וועגן רוסלאַנד, ווי זי איז היינט. איצט — נאָך עטוואָס וועגן דעם, וואָס זי באַדייט פאַר אונדז. ווי וואָלט געווען ווען זי וואָלט באַזיגט געוואָרן פון די דייטשע האָרדעס, ווי כמעט דער גאַנצער קאָנטינענט איז פריער באַזיגט געוואָרן. וואו וואָלטן מיר געווען, מיר אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע? איך מיין, אַז עס פאָדערט זיך ניט צו שטאַרק אָנצושטרענגען די פאַנטאַזיע צו זען, אַז מיר וואָלטן זיך געפונען אין אַ זייער שלעכטער לאַגע. פערזענלעך גלויב איך, אַז אָן רוסלאַנד וואָלטן די דייטשע בלוטהינט דערגרייכט זייער ציל, אָדער זיי וואָלטן נאָך היינט עס דערגרייכט.

מיר ווערן דעריבער בלויז דיקטירט פונעם געפיל פון זעלבסט־דער־

האַלטונג, ווען מיר זאָלן טאָן פאַר רוסלאַנד אַלץ, וואָס אונדזער גרעסטע אָנשטרענגונג קאָן באַווייזן. דאָס איז חוץ דעם, וואָס אירע אומגעהויערע פאַרלוסטן און די ליידן פון איר פאָלק האָבן געלייגט אויף אונדז און אונדזערע קינדער אַ חוב, וועגן וועלכן מיר מוזן זיין באַוואוסטזיניק יעדע שעה פון אונדזער לעבן, אויב מיר זאָלן איינהיטן אונדזער זעלבסט־רעספעקט. לאָמיר זיך אויפפירן אין איינקלאַנג דערמיט און געבן אונדזער פולע שטיצע צום אידישן קאָונסיל פאַר רוסישער הילף.

די יו-ען און אינטערנאַציאָנאַלע קאָאָפעראַציע

(פון אַ ראַדיאָ־רעדע פאַר די סטודענטן פון שיקאַגער אוניווערזיטעט,
דעם 29טן מאַי, 1946)

עס איז אויגנשיינלעך, אַז די אַנטוויקלונג פון פאָליטישע באַציאונגען אין דעם יאָר, וואָס איז אַוועק זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אונדז ניט געבראַכט נעענטער צום ציל. די יו־ען, ווי זי איז היינט, האָט ניט קיין מיליטערישע מאַכט און אויך ניט קיין געזעצלעכן באַזיס צושטאַנדצוברענגען אַ לאַגע פון אינטערנאַציאָנאַלער זיכערקייט. זי גיט זיך אויך ניט אָפּ קיין חשבון וועגן דער אַקטועלער פאַנאַנדערטיילונג פון מאַכט. די אמתע מאַכט ליגט איצט אין די הענט פון געציילטע.

עס איז ניט קיין איבערטרייבונג צו זאָגן, אַז די לייזונג פון דער פאַקטישער פראָבלעם איז פאַרבונדן אויסשליסלעך מיט אַן אָפּמאַך אויף אַ גרויסן פאַרנעם צווישן דעם לאַנד און רוסלאַנד. ווייל, ווען אַזאַ אָפּמאַך וואָלט דערגרייכט געוואָרן, וואָלטן די צוויי מלוכות אַליין געווען אימשטאַנד צו ווירקן, אַז די אַנדערע לענדער זאָלן אויפגעבן זייער סואווערעניטעט אין אַזאַ מאָס, אויף וויפל דאָס איז נויטיק פאַר דער עטאַבלירונג פון מיליטערישער זיכערקייט פאַר אַלעמען.

נו, פיל וועלן זאָגן, אַז אַ פונדאַמענטאַלער אָפּמאַך מיט רוסלאַנד איז אוממעגלעך אונטער די איצטע באַדינגונגען. אַזאַ דערקלערונג וואָלט געווען באַרעכטיקט ווען די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלטן געווען געמאַכט אַן ערנסטן פאַרזוך אין דער ריכטונג אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר. איך האַלט אָבער, אַז פּאַסירט האָט פונקט דער היפך. עס איז ניט געווען קיין נויטווענדיקייט אַריינצונעמען די פאַשיסטישע אַרגענטינע אין דער יו־ען קעגן דעם ווידערשטאַנד פון רוסלאַנד. עס איז ניט געווען קיין נויטווענדיקייט צו מאַכן נייע אַטאָמישע באָמבעס אָן אויפהער און צו באַשטימען צוועלף ביליאָן דאָלאַר פאַר פאַרטיידיקונג — אין אַ יאָר, ווען קיין שום מיליטערישע באַדראָאונג איז ניט דערוואַרט געוואָרן פאַר דער נאָענטסטער צוקונפט. עס איז אויך ניט געווען נויטיק צו אָפּשטופן די פאָרגעשלאָגענע מיטלען קעגן פראַנקאָ־שפּאַניע. עס איז זינלאָז אויסצורעכענען דאָ אַלע איינצלהייטן, וואָס באַווייזן אַלע, אַז גאָרניט איז געטאָן געוואָרן כדי אָפּצושוואַכן רוסלאַנדס אומצוטרוי, — אַן אומצוטרוי, וואָס מען קאָן זייער גוט באַגרייפן אינעם ליכט פון די פּאַסירונ־

גען פון די לעצטע יאָרצענדליקער און צו ווענס אַנטשטייאונג מיר האָבן ניט ווייניק בייגעשטייערט.

אַ פּערמאַנענטער פרידן קאָן ניט צוגעגרייט ווערן דורך דראָאונגען, נאָר בלויז דורך אַן אָרנטלעכן פּאַרזוך צו שאַפן קעגנזייטיקן צוטרוי. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דער וואונטש צו שאַפן אַן אָנשטענדיקע לעבנס־פאָרם אויף דעם פּלאַנעט און צו אויסמיידן די געפאַר פון אומגעהערטן חורבן, האָט געדאַרפט צאַמען די ליידנשאַפטן פון פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן.

וועגן מיליטאַריזאַציע

בײם קריגן די „איין וועלט" אויסצייכענונג, אַפּריל, 1948.

אין משך פון מיין לאַנגן לעבן האָב איך געקראָגן פון מיינע מיטמענטשן מער אָנערקענונג, ווי איך פאַרדין, און איך בין זיך מודה, אַז מיין געפיל פון חרפּה האָט אַלע מאָל אַריבערגעוואויגן דעם פאַרגעניגן דערפון. אָבער קיינמאָל, אין די פריערדיקע פאַלן, האָט דער ווייטאָק אַזוי פיל ניט אַריבערגעוואויגן דעם פאַרגעניגן, ווי איצט. ווייל מיר אַלע, וועמען עס גייט אָן דער פרידן און דער טריאומף פון שכל הישר און גערעכטיקייט, מוזן היינט זיין שאַרף באַוואוסטזיניק וועגן דעם, וואָס פאַר אַ קליינעם איינפלוס שכל הישר און אָרנטלעכער גוטער ווילן איבן אויס אויף אַנטוויקלונגען אינעם פּאָליטישן פעלד.

אָבער, ווי די זאַך זאָל ניט זיין און וואָס דער גורל זאָל ניט האָבן אָנגעגרייט פאַר אונדז, מעגן מיר זיכער זיין, אַז אָן דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון די, וועמען עס גייט אָן דער וואוילזיין פון דער מענטשהייט ווי אַ גאַנצער, וואָלט דאָס מזל פון דער מענטשהייט געווען פאַקטיש נאָך ערגער ווי דאָס איז איצט.

וואָס מיר מוזן זאָגן אונדזערע מיטמענטשן אין דער איצטיקער צייט פון אַנטשיידונג, וועלכע איז אַזוי גורלדיק אַנגעלאָדן, איז אָט וואָס: דאָרט וואו דער גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פון פיזישער מאַכט קריגט די אויבערהאַנט אין פּאָליטישן לעבן, נעמט אָן די דאָזיקע מאַכט אַן אייגן לעבן און ווייזט זיך אַרויס צו זיין שטאַרקער, ווי די מענטשן וואָס האָבן בדעה צו באַנוצן מאַכט ווי אַ געצייג. די פאַרגעשלאָגענע מיליטאַריזאַציע פון דעם לאַנד באַדראָעט אונדז ניט בלויז באַלד מיט מלחמה; זי וועט אויך, פאַמעלעך, אָבער זיכער, פאַרניכטן דעם דעמאָקראַטישן גייסט און די ווערדע פון דעם יחיד אין אונדזער לאַנד.

די באַהויפּטונג, אַז אַנטוויקלונגען אין אויסלאַנד צווינגען אונדז צו באַוואָפענען זיך, איז פאַלש; מיר מוזן זי באַקעמפן מיט אונדזער גאַנצער קראַפט. פאַקטיש וועט אונדזער אייגענע באַוואָפענונג, צוליב דער קעגנווירקונג צו איר מצד אַנדערע לענדער, צושטאַנד־ברענגען גענוי די סיטואַציע, אויף וועלכער אירע פאַרטיידיקער זוכן צו באַזירן זייערע פאַרשלאָגן.

פון די לעצטע ווערטער

אין איינעם פון די לעצטע בריוו צום מיטאַרבעטער פון דער „ניו־יאָרק טאַימס“, וו. ל. לאָרענס, פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג דעם 20טן אַפּריל, 1955, האָט איינשטיין געשריבן :

די בעסטע זאַך, וואָס קומט איצט פאָר אין דעם עפנטלעכן לעבן, איז די דערוואַכונג פון דער עפנטלעכער מיינונג בנוגע דער סיטואַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער אַנטוויקלונג פון אַטאָמישער ענערגיע. אַלץ מער און מער מענטשן פילן, אַז דער איינציקער אויסוועג איז אַ פרידלעכע לייזונג דורך אָרגאַניזירטער טעטיקייט און ניט דורך איבערוועגנדיקער מיליטערישער מאַכט.

* * *

באַלד ווי איינשטיין איז געשטאָרבן האָט זיין לאַנג־יאָריקער פריינט און מיטקעמפער, פראָפעסאָר האַראָלד יורי, געלאָזט וויסן, אַז אין אַ שמועס מיט אים מיט צוויי וואָכן פריער, אין פרינסטאָן, האָט ער (איינשטיין) געהאַט אויפן געדאַנק איין זאַך — עס זאָל זיין שלום. איינשטיין האָט געוואָרנט קעגן אַן אַטאָמישער און הידראָגענישער מלחמה.

דעם 13טן מאַי האָט די „יונאַיטעד פּרעס“ איבערגעגעבן פון לאָס־אַנדזשעלעס אַ דערקלערונג, וואָס דער פראָפעסאָר לינוס פּאָלינג האָט דאָרט געמאַכט מיט אַ טאָג פריער. פראָפעסאָר פּאָלינג האָט דערציילט, אַז דעם 15טן נאָוועמבער, 1954, ווען ער האָט צום לעצטן מאָל געזען איינשטיינען, האָבן זיי ביידע גערעדט —

„וועגן דער געפאַר פאַר דער ציוויליזאַציע מצד דעם מיליטאַריזם און דער הידראָגענישער באָמבע, וועגן די שוועריקייטן צו פאַרשטיין אונדזער אויסלענדישע פּאָליטיק און וועגן דעם וואָס מיר פאַרפעלן אָנצונעמען פּאָזיטיווע מיטלען אין דער ריכטונג פון אַ צוקונפט פון פרידן.“

„איינשטיין האָט ווידער גערעדט וועגן זיינע טיפע איבערצייגונגען, אַז די פעלקער פון דער וועלט וועלן דאַרפן אויסקומען איינער מיטן אַנדערן, כדי צו ראַטעווען די וועלט.

„דערנאָך האָט איינשטיין געזאָגט : ,איין גרויסן טעות בין איך באַגאַנגען — ווען איך האָב אונטערגעשריבן דעם בריוו צו פּרעזידענט רוזוועלט, רעקאָמענדירנדיק אַז די אַטאָם־באָמבע זאָל געמאַכט ווערן׳.“

ביזן לעצטן אָטעם־צוג — זאָרג פאַרן גורל פון דער וועלט, קעגן מלחמה, פאַר פרידן.

אָרגאַניזאַציעס!

באַשטעלט די פאָלגענדע בראָשורן פאַר אייערע מיטגלידער:

1. אונזער דעמאָקראַטישע ירושה

די בראָשור נעמט אריין דאָס פאָלגענדע:

1. פאָרוואָרט.
2. די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט.
3. די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.
4. די דעקלאַראַציע פון רעכט
5. די פּראָקלאַמאַציע פון עמאַנציפּאַציע.
6. געטיסבורג אַדרעס פון איבּרעהעם לינקאָלן.

2. „מיט שלום עליכם" (אין ענגליש)

וועלכע אנטהאַלט:

1. „שלום עליכם און זיין פאָלק", געשריבן פון י. גאָלדבערג.
2. „שלום עליכם", פון ב. צ. גאָלדבערג.
3. „ווען איך בין ראָטשילד", דערציילונג פון שלום עליכם.
4. „בערל אייזיק אין אַמעריקע", דערציילונג פון שלום עליכם.

3. אָוגוסט באָנדי

געשריבן פון דעם באַוואוסטן אידישן שרייבער און געלערנטן, אברהם ביק. אָוגוסט באָנדי פאַרנעמט אַ ספּעציעלן פּלאַץ אין [illegible] איז געווען איינער פעריי, פריער מיט רמיי.

ISBN:0-657-05653-7

ז וואָס ווילן זייערע מיטגלידער באַקאָנען מיט דעם וויכטיקן טייל פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע, וועלן אריינשיקן זייערע באַשטעלונגען צו דעם:

אידישן פאַרלאַג און פאָרשונגס קאָמיטעט

1133 בראָדוועי, צימער 1429 ניו-יאָרק